STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04567

# DER BUND

Shakhne Epstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

6,

# דער „בונד"

## וואס ער איז געווען און
## וואס פון אים איז געווארן


פון

**שכנא עפשטיין**


רויטע אַרבעטער-ביבליאָטעק — נומער 2


ארויסגעגעבן פון דער

אידישער סעקציע וואָרקערס (קאָמוניסטישער) פּאַרטיי

30 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק

דעצעמבער, 1927 491 פרייז 15 סענט

# די „פרייהייט״

איז די איינציקע אידישע אַרבעטער-צייטונג
אין אַמעריקע

# די „פרייהייט״

העלפט פירן דעם קאַמף פון די אַרבעטער קעגן זייערע
באַלעבאַטים און געגן זייערע פאַררעטער.

אין דער ״פרייהייט„ נעמען אנטייל די בעסטע אידישע
פובליציסטן און קינסטלער.

# די „פרייהייט״

האָט קאָרעספּאָנדענטן אין אַלע לענדער.

די וויכטיקסטע נייעס און גענויסטע אינפאָרמאַציע פון
סאָוועטן-פאַרבאַנד קאָן מען קריגן בלויז אין דער
„פרייהייט״.

---

יעדער נומער ״פרייהייט„ איז אַ קוואל פון אויפקלערונג
און וויסן פאַר די אַרבעטער.

---

—— לייענט יעדן טאָג די „פרייהייט״ ——



**הירש לעקערט**

אויפגעהאַנגען אין יאָר 1902 פאַר שיסן
דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל.
„הירשקע דער שוסטער“, דער העלד פון
דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין
רוסלאַנד אין די ערשטע יאָרן פונ׳ם
„בונד“.

1

# ציוניזם און סאָציאַליזם

אין האַרבסט פון יאָר 1897 זיינען פאָרגעקומען צוויי אידישע צוזאַמענפאָרן, וואָס זיינען געוואָרן היסטאָריש.

איין צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין דער שווייץ, אין דער שטאָט באַזעל, אין חודש אויגוסט: ער האָט זיך פאַרזאַמלט מיט גרויסע פּאַראַד און פייערלאַכקייט; ס'האָבן זיך אין אים באַטייליקט דעלעגאַטן פון'ם אַלוועלטלאַכן אידנטום. דאָס איז געווען דער ערשטער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז אוועקגעלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון פּאָליטישן ציוניזם, ווי פון אַן אָרגאַניזירטער באַוועגונג.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין ליטע, אין דער שטאָט ווילנע, מיט עטלאַכע וואָכן שפּעטער, אין אָנהויב אָקטאָבער. ער האָט זיך פאַרזאַמלט אומלעגאַל, באַהאַלטענערהייט, אין אַן איינג געסל, אויף אַ שאַלקע פון אַ קליין הילצערן הייזל. ס'האָבן זיך אין אים סך הכל באַטייליקט עלף דעלעגאַטן, פאָרשטייער פון עטלאַכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. צוליב „קאָנספּיראַציע", כדי די צאַרישע זשאַנדאַרן זאָלן קיין זאַך ניט באַמערקן, האָט מען זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַזאַ קליינער צאָל אָנטייל־נעמער. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט זיך דאָס געגרינדעט „דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער „בונד" אין רוסלאַנד און אין פּוילן". דערמיט איז אַוועקגעלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער אָרגאַניזירטער אידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

סיי דער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס, סיי דער צוזאַמענפאָר פון'ם „בונד", זיינען ניט אַרויסגעשפּרונגען פון העלער הויט. ביידע זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון'ם אידיש לעבן, וואָס האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען נייע פאָרמען.

ביידע האָבן בלויז באַשטעטיקט דאָס, וואָס האָט שוין עקזיסטירט פון פריער.

הערצל'ס פּאָליטישער ציוניזם איז געווען אַ פאַרזעצונג פון דער „חבת-ציון" באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך די פאַרפאָלגונגען קעגן אידן אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. באַזונדער שטאַרק האָט זיך גענומען אַנטוויקלען די „חבת-ציון" באַוועגונג אין אָנהויב פון די אַכטציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. די פּאָגראָמען אויף אידן, מיט וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט דאַמאָלט געענטפערט פאַר דער דערמאָרדונג פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָבן אַריינגעוואָרפן אין פאַרצווייפלונג די אידישע בירגערלאַכע אינטעליגענץ און די קליינבירגערלאַכע מאַסן. אַ סוף האָט גענומען צו די פאַנטאַזיעס פון די אידישע משכילים, וואָס האָבן געלייגט גרויסע האָפנונגען, אַז דער ליבעראַלער צאַר וועט אָפּשאַפן די אידישע רעכטלאָזיקייט, און וואָס האָבן געזען די גאולה פון די אידישע מאַסן אין אַסימילאַציע.

ס'איז אַלץ געשטיגן דער געשריי, אַז אין די גלות-לענדער קען די „פאַרשאָלטענע" אידישע פראַגע בשום אופן ניט געלייזט ווערן. וואו אידן זאָלן ניט לעבן, אין וועלכע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען, זיינען זיי אומעטום פאַרפאָלגט. די פאַרפאָלגונגען דרינגען ניט אַרויס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואָס האַלט זיך אויף אונטערדריקונג: זיי שטאַמען דערפון, וואָס יעדן נאַציע איז דער צווייטער אַ נאַטירלאַכער שונא. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן איינגעבוירן געפיל און קען קיינמאָל ניט פאַרשווינדן. ס'איז ניטאָ קיין האָפנונג אויף פעלקער-פאַרברידערונג און פעלקער-אחדות. דעריבער האָט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, „די אַלוועלטלאַכע אידישע נאַציע", איין און דעמזעלבן ציל — באַהעפטן זיך וואָס איינגער און באַשאַפן פאַר זיך אַן אייגענע היים אינ'ם לאַנד פון די אבות, אין ארץ ישראל, וואו דער איד וועט זיין באַלעבאָס פאַר זיך אַליין, אויף זיין „אייגענער טעריטאָריע".

די „חובבי ציון" האָבן געהאָפט צו דערגרייכן די „אידישע באַפרייאונג" דורך גרינדן, מיט דער הילף פון רייכע פילאַנטראָפּן, אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, כדי אַרויסצוראַטעווען אַזוי פיל אידן פון די גלות-לענדער, הויפּטזעכלאַך, פון רוסלאַנד, וויפיל

ס'איז נאָר מעגלאַך. דר. הערצל האָט די אידעע פון די „חובבי־ציון" אויסגעבריימערט: מיט זיין פּאָליטישן ציוניזם האָט ער זיך געשטעלט פאַר א ציל צו דערשלאָגן זיך פאַר די אידן דורך די גרויסע מלוכות „א רעכטלאַך־געזיכערטע היים", צו דעראָבערן זיך פאַר די אידן אזא לאַגע, ווי ס'פארנעמען אלע אַנדערע, אפילו קליינע, פעלקער, ווי למשל, בעלגיע. — דאָס הייסט, אידן זאָלן האָבן אַן אייגענע מלוכה, א „יודנשטאַט". כדי דאָס צו דער־גרייכן, דאַרפן אלע אידן, אָן אונטערשייד פון שיכט און קלאַס, האָבן איין פּאָליטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען ריידן און האַנדלען אין נאָמען פון'ם גאַנצן אידישן פאָלק. פאַרשטייט זיך, אז דאָס פּאָסיקסטע לאַנד פאַר אַזאַ אידישער מלוכה איז פּאַלעסטינע, וואָס געהערט היסטאָריש צום פאָלק ישראל. אין פּאַלעסטינע וועלן די אידן דאַרפן בילדן א מערהייט דורך פאַרטרייבן די אַראַבער, וואָס זיינען דאָרטן די געזעצלאַכע איינוואוינער פאַר הונדערטער יאָרן און באַאַרבעטן מיט זייער שווייס און בלוט די ערד. ווען די אידן וועלן זיך דעראָבערן פּאַלעסטינע, וואָס האָט אַמאָל, נאָר אַמאָל באַלאַנגט צו זיי, וועט דער אַראַבישער פּויער זיך מוזן אונטערוואַרפן צום היסטאָריש־באַרעכטיקטן באַלעבאָס פון'ם לאַנד — צו דער אידי־שער בורזשואַזיע. דערמיט וועט שוין געלייזט ווערן די אידישע פראַגע פאַר אלע גלות־לענדער, ווייל דורך דער אייגענער טערי־טאָריע, בפרט נאָך אינ'ם היסטאָרישן לאַנד פון די אבות, וועלן די אידן אויפהערן צו זיין שטיפקינדער אויף דער וועלט, נאָר ווערן א פאָלק, צוגלייך מיט אלע אַנדערע פעלקער.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט פאַרשטאַרקט די גלות־פּסי־כאָלאָגיע, אָפּגעלייקנט יעדן סאָרט קאַמף. זי האָט געזוכט און זוכט אַלץ א דריי צו טאָן דאָס ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק: די גאולה פון די אידן ליגט ניט אין דער געגנוואַרט און אין דער צוקונפט, נאָר אינ'ם אויפלעבן דעם גרויען עבר. די לענדער, וואו די אידן וואוינען שוין הונדערטער יאָרן, זיינען פאַר זיי בלויז שטיפמאַמעס: די אידן זיינען אומעטום אין די דאָזיקע לענדער דורכאויס פרעמדע. דעריבער דאַרפן זיי זיך ראַטעווען מיט אַנטלויפן פון דאָרטן קיין ארץ ישראל. דערפון איז שוין געדרונגען, אז אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין

גלות, האָט קיין ממשות ניט. אַז אידיש, ווי די שפּראַך פון די מאַסן, איז אַ שפּחה, גאָר קיין שפּראַך ניט. די שפּראַך פאַר די אידן איז בלויז די גבירטע — לשון קודש, וואָס שטאַרבט קיינמאָל ניט אָפּ און קען האָבן דעם בעסטן קיום אין דעם הייליקן לאַנד, אין ארץ ישראל. אידיש, אָדער ווי די ציוניסטן רופן עס נאָך אַז ביז היינט צו טאָג מיט פאַראַכטונג „זשאַרגאָן", דאַרף אויסגע־ראָטן ווערן, ווי אַ פרעמדע שעדלאַכע פלאַנץ, ווי ווילדפלייש. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געפּריידיקט און הערט ניט אויף צו פּריידיקן, אַז אַלע שיכטן און קלאַסן פונ'ם אידישן פאָלק האָבן איינע און די זעלבע אינטערעסן, איינע און די זעלבע נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע, דעריבער קען ניט זיין קיין פיינטשאַפט צווישן אידישן גביר און אידישן אָרימאַן. ביידע, סיי דעם אידישן גביר, סיי דעם אידישן אָרימאַן באַהעפט דער „אייביקער אידישער גייסט". מוזן זיי ביידע צוזאַמען גיין אין אַלץ האַנט אין האַנט, זיין דורכגעדרונגען מיט דעם אידעאַל פון דער אידישער גאולה אין דער אייגענער היים. אָט אַזוי איז די ציוניסטישע באַוועגונג פון אָנהויב אָן געווען דורכאויס אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג. וואָס שטופּט דאָס אידישע לעבן ניט פאָראויס, נאָר אויף צוריק.

ווען די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב, איז זי שוין ניט געווען אימשטאַנד צו באַהערשן די מוחות פון די אידישע אַרבעטער. ס'האָט פּאַ־סירט אַזוי, אַז זי איז געקומען צו שפּעט, כדי צו געפינען אַן אָנהאַלט צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן.

נאָך דער באַפרייאונג פון די פּויערים פון לייב־אייגענטום אין יאָר 1861 האָט זיך גענומען אין רוסלאַנד שנעל אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם, די מאָדערנע אינדוסטריע. די אַנטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם האָט ביסלאַכווייז אָנגעהויבן אַריינדרינגען אויך אין אידישן תחום, וואו ס'איז געווען קאָנצענטרירט דער אידישער דלות. אין די אַכטציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן גענומען אויפקומען אין רוסלאַנד אידישע סאָציאַליסטישע גרופּן: זיי זיינען אויפגעקומען אומעטום, וואו ס'האָט זיך באַ־וויזן אין די אידישע שטעט אַן אָנזאָג אויף אַ מאָדערנער אינ־דוסטריע און ס'האָט גענומען ביי די אידישע פּועלים און בעלי־מלאכות קלאַפּן אַ דופק פון פּראָטעסט. גאַנץ אָפט האָט אין



פישל קאיגאן (יונה, יאַנאָוו)

געבוירן אין יאָר 1869 — געשטאָרבן אין יאָר 1923.
איינער פון די גרינדער און פירער פונ'ם „בונד" — די לעצטע יאָרן אַ קאָמוניס־טישער טוער.

גרופע ניט געוואוסט פון דער צווייטער. אנגעהויבן האט מען פון לערנען לייענען און שרייבן רוסיש. די אידישע פועלים און בעלי־מלאכות, כדי זיי צו באהעפטן מיט דער אלגעמיינער קולטור און פראפאגאנדירן צווישן זיי דעם סאציאליזם. פון ריינער קולטור־טרעגעריי איז מען אבער שטופנווייז אריבער צו ארגאניזירן די זעלבע פועלים און בעלי־מלאכות עקאנאמיש און פאליטיש.

צו דער צייט, ווען דער „בונד" האט זיך געגרינדעט, האט שוין אין דער גאנצער צפון־מערב־געגנט עקזיסטירט א ריי פאך־קאסעס, וואס האבן אריינגענומען הונדערטער אידישע שניידער, שוסטער, זאקנמאכערינס און אנדערע פועלים. עס האט שוין גע־נומען אנטוויקלען א שטארקע טעטיקייט דער בערשטער־בונד, וואס איז געווען די ערשטע באדייטנדיקע אידישע פראפעסיאנעלע ארבעטער־ארגאניזאציע אין רוסלאנד. אין א סך שטעט האבן אויסגעבראכן סטרייקס, האבן די בעלי־מלאכות גענומען ארויס־טרעטן מיט פ א ל י ט י ש ע פאדערונגען צו דער צארישער זעלבסטהערשאפט. דאס האט אויפגערודערט דאס גאנצע אידישע וועלטל. דורך די דיקע ווענט פון דער פארשטיקטער געטא האבן זיך אריינגעריסן די טענער פון קאמף, פון פראטעסט, סיי קעגן די אייגענע אידישע רעדל־פירער, סיי קעגן דער גאנצער צארישער ארדנונג. דער קלאסנקאמף האט אנגענומען אויך אינ'ם אידישן לעבן בולט'ע פארמען. פון לערנען לייענען און שרייבן רוסיש די אידישע פועלים און בעלי־מלאכות איז מען אריבער צו א ברייטער אגיטאציע און פראפאגאנדע פון סאציאליזם אין אידיש, סיי מינדלאך, סיי שריפטלאך. דער סאציאליזם האט אויף אזא אופן געדינט ווי דער שארפסטער געגנזאץ צום ציוניזם.

די אפגעזונדערטע אידישע סאציאליסטישע גרופן, מיט די פארשיידענע פאך־קאסעס און פראפעסיאנעלע ארבעטער־ארגאני־זאציעס, האבן זיך אלץ מער פארבונדן צווישן זיך, און אין יאר 1895 האבן זיי שוין אין צפון־מערב געגנט פארגעשטעלט מיט זיך א פאראייניקטע נעץ.

דעמאלט, אין יאר 1895, האט דער פארשטארבענער פירער פון די מענשעוויקעס ל. מארטאוו שוין פארמולירט די גרונט־פרינציפן פונ'ם „בונד". געטאן האט עס מארטאוו אין ווילנע, אין א רעדע אויף א פארזאמלונג פון אגיטאטארן נאך דער־

פייערונג פון ערשטן מאַי. דער „בונד" האָט דערנאָך די רעדע אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערער בראָשור אונטער'ן נאָמען „די נייע עפּאָכע אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג".

דער הויפּט־געדאַנק מאַרטאָוו'ס איז געווען, אַז ס'איז *נויטיק צו שאַפן אַ ספּעציעלע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע*, וואָס זאָל זיין *די אָנפירערין און דערציערין פון אידישן אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף פאַר עקאָנאָמישער, בירגערלאַכער און פּאָליטישער באַפרייאונג*. פאַר דעם צוועק טאָר מען ניט פאַרטושן די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון אידישן אַרבעטער־קלאַס, נאָר מען דאַרף זיך צו די דאָזיקע אייגנשאַפטן צופּאַסן. מאַרטאָוו פאַרמולירט עס אַזוי: די נאַציאָנאַלע פּאַסיווקייט פון דער אידישער מאַסע איז אַ מניעה פאַר דער אויפוואַכונג פון קלאַסנבאַוואוסטזיין. די אויפוואַכונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פון קלאַסנבאַוואוסטזיין מוז גיין האַנט אין האַנט. פאַרשטייט זיך, אַז מען מוז זיין אויף דער וואַך, כדי ניט לאָזן זיך פאַרפירן פון נאַציאָנאַליזם, וואָס פאַרטונקעלט דאָס קלאַסענבאַוואוסטזיין פון די אַרבעטער. דערמיט, וואָס מען אַנערקענט דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, הייסט אָבער ניט, אַז מען פאַלט אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון *בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז געווען, איז און וועט זיין אַ טויט־פּיינט פון קלאַסנבאַוואוסטזיין* פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דערפון דרינגט שוין אַרויס, אַז די גאַנצע סאָציאַליסטישע אַרבעט צווישן די אידישער אַרבעטער דאַרף געפירט ווערן אין דער אידישער שפּראַך, וואָס שטויסט במילא, פון זיך אַליין, די אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור.

אָט דער שטאַנדפּונקט מאַרטאָוו'ס אויף די אויפגאַבן און צילן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז שוין ווייט ניט געווען קיין אַבסטראַקט־טעאָרעטישער. ער איז געווען דורכאויס געבויט אויף דער דערפאַרונג פון דער ווירקלאַכקייט. דעריבער האָט ער געבילדעט דעם יסוד פונ'ם „בונד"ס פּאָגראַם און אידעאָלאָגיע.

אַנשטאָט „אחדות ישראל", אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק

האט געמיינזאמע אינטערעסן און דארף זיך אפזונדערן, אריבער־פעקלען אויף אן אייגענער טעריטאריע, אינ'ם לאנד פון די אבות, איז אלץ מער פאפולער געווארן די לערע, אז אויך דאס אידישע פאלק איז צעריסן אויף פיינטלאכע קלאסן. דער פריערדיקער נע־הארכזאמער נידערשלאגענער פועל האט אנגעהויבן צו באגרייפן, אז ער האט ניט שום קיין געמיינזאמס מיט'ן אידישן גביר; ווי אן ארבעטער איז ער א קלאסן־שונא פון דער אידישער און פון דער אלוועלטלאכער בורזשואזיע: ער האט געמיינזאמע אינטע־רעסן מיט די רוסישע, ליטווישע און פוילישע ארבעטער. דערפון איז שוין פארשטענדלאך, אז בלויז דורך דעם אלגעמיינעם קאמף פון גאנצן ארבעטער־קלאס, אן אונטערשייד פון נאציע, וועט ער, דער אידישער ארבעטער, קענען פארניכטן די בורזשואז־קאפיטא־ליסטישע ארדנונג און זיך דערשלאגן די פארווירקלאכונג פון סאציאליסטישן אידעאל, וואס וועט באפרייען די גאנצע מענטש־הייט פון אונטערדריקונג און פארשקלאפונג.

פארשטייענדיק דאס, האט דער אידישער ארבעטער גענומען פארשטיין, אז אנטיסעמיטיזם, נאציאנאלע פארפאלגונגען, נאציא־נאלער האס זיינען א ריינער פראדוקט פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג מיט איר צעטיילונג אויף קלאסן, מיט איר קאנקורענץ און שאוויניזם. אן אייגענע טעריטאריע, אין פאלעסטינע צי ערגעץ אנדערש וואו, קען דעריבער בשום אופן ניט לייזן די אידישע פראגע, ווי ס'קען בכלל ניט געלייזט ווערן די נאציאנאלע פראגע אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג. פאר'ן אידישן ארבעטער, ווי פאר די ארבעטער פון יעדן אנדער פאלק, איז ניטא קיין אנדער ישועה, ווי בלויז צו פארניכטן דעם יסוד, וואס אויף אים וואקסן אוים אנטיסעמיטיזם און פעלקער־האס. אזוי ווי די אנטי־סעמיטישע אידעאלאגיע קומט אויף אויפ'ן יסוד פון באשטימטע עקאנאמישע און סאציאלע פארהעלטנישן, קען זי אפלעבן, פאר־שווינדן בלויז מיט דער ענדערונג פון די דאזיקע עקאנאמישע און סאציאלע פארהעלטנישן — **ד א ס א י ז ד ו ר ך ד ע ם נ צ ח ו ן פ ו ן ס א צ י א ל י ז ם.** דורך דעם האט אינגאנצן געפלאצט די אילוזיע פון „אחדות ישראל", וואס די אידישע בור־זשואזיע האט אנגעהאלטן, כדי צו קענען בעסער רייטן אויפ'ן רוקן פון די ארימע פאלקס־מאסן.

דער „בונד" איז אויף אַזאַ אופן געווען די ערשטע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט איינגעוואָרצלט אין די אידישע אַרבעטער דאָס קלאַסנבאַוואוסטזיין; ער האָט אויפגעוועקט די אידישע אַר־בעטער צו אַ נײַ לעבן, אַריינגעהויכט אין זיי דעם גייסט פון פּראָטעסט, רעוואָלט, קאַמף; ער האָט זיי אַרויסגעריסן פון די איינגע געטאָ־ווענט אין דער ברייטער וועלט אַריין, באַהעפט זיי מיט דער אייראָפּייאישער קולטור, אָרגאַניזירט זיי ווי אַ קלאַס צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער.

מיט זיינע גרויסע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סטרייקס, מיט זיינע דעמאָנסטראַציעס, מיט זיינע אויפקלערונג־קאַמפּאַניעס, מיט זיין ברייט־פאַרשפּרייטער אומלעגאַלער און לעגאַלער פּרעסע, מיט זיין רעאַגירן אויף יעדער וויכטיקער דערשיינונג פונ׳ם אַלגעמיין־רוס־לענדישן און אידישן לעבן דורך צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן פּראָקלאַמאַציעס און פלוג־בלעטער, האָט דער „בונד" מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מאַסן־פּאַרטיי אין פולן זין פון וואָרט. ס׳איז ניט געווען קיין איין ווינקל פון אַרבעטער־לעבן, וואו ער זאָל ניט אַריינלאָזן זיינע טיפע וואָרצלען. ער איז געווען דער שעפער פון די אידישע יוניאָנס אין רוסלאַנד, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון די פּאַד־קאַסעס; דערביי זיינען די יוניאָנס, וואו דער „בונד" האָט גענומען דעם אַקטיווסטן אַנטייל און געשפּילט אַן אָנפירנ־דיקע ראָל, געווען פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס ניט בלויז לויט׳ן באַשטאַנד, נאָר אויך לויט׳ן גייסט. די אידישע אַרבעטער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פונ׳ם „בונד", האָבן ניט אָפּגעטיילט דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון פּאָליטישן; ביידע פאָרמען פון קאַמף פאַר דער אַרבעטער־באַפרייאונג זיינען געגאַנגען ביי זיי האַנט אין האַנט. נאָך מער: דער „בונד" האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך אויפ׳ן קולטורעלן געביט קען זיין קיין „אחדות ישראל", קיין אינטער־רעסן־געמיינזאַמקייט צווישן די אידישע אַרבעטער און דער אידישער בורזשואַזיע; דעריבער האָט ער באַשאַפן זיינע פּראָ־לעטאַרישע אידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס: ער האָט געזוכט דורכ־צופירן די קלאַסנליניע אויך אין אַנדערע געביטן פון געזעלשאַפט־לאַכן לעבן.

ווי ווייט גרויס איז געווען דער קאָנטאַקט פונ׳ם „בונד" מיט די מאַסן, ווייזט דער פאַקט, אַז אין די אומלעגאַלע וואַלן צו זיין

זיבעטן אומלעגאַלן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין סוף זומער פון יאָר 1906 אין לעמבערג, האָבן זיך באַטייליקט איבער דרייסיק טויזנט פערזאָן. ווען אַזאַ צאָל שטים־אָפּגעבער האָט געקענט דערגרייכט ווערן אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, רעדט עס גענוג קלאָר וועגן דער ווירקונג פון׳ם „בונד" אויף די אידישע אַרבעטער־מאַסן. דער קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט פון׳ם „בונד" איז געווען זייער פאַרצווייגט, זעלטן־בויגזאַם, דער־ביי פעסט־צענטראַליזירט.

דער „בונד" האָט געמאַכט פּייאיק די אידישע אַרבעטער־מאַסן אַרויסצוטרעטן אין פּאָליטישע פּראָטעסטן קעגן דער זעלבסט־הערשאַפט ניט בלויז אין ריינע אַרבעטער־פראַגן, נאָר אויך אין פראַגן פון אידישע רעכט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, קעמפנ־דיק אונטער דער פאָן פון׳ם „בונד" פאַר זיינע אינטערעסן, האָט געקעמפט פאַר אַלע אונטערדריקטע. מיט׳ן אויפדעקן דעם רע־אַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אוטאָפּיע, פון דער כל־ישראל פּאָליטיק, ווי ווייט ביידע זיינען שעדלאַך פאַר די אינטערעסן פון די אידישע מאַסן, האָט דער „בונד" רעוואָלוציאָ־ניזירט אויך אַ טייל פון דער אידישער קליין־בורזשואַזיע.

דער ציוניזם האָט צוגעצויגן צו זיך די רעאַקציאָנער־קלעריקאַלע כוחות פון אידישן לעבן, די מוטלאָזע, די פאַר׳יאוש׳טע, די, וואָס ציטערן פאַר קאַמף, ווי פאַר אימת מות, וואָס זיינען גרייט צו בויגן דעם רוקן פאַר יעדן הערשער און קושן די רוט פון די אונטערדריקער. מיט אים, דעם ציוניזם, זיינען געגאַנגען די, וואָס לייגן אַלע האָפנונגען אויף שתדלנות, אויף הינטער־טיר־פּאָליטיק, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט מה־יפית־געפילן. דער „בונד" האָט פּונקט אין גענגטייל צוגעצויגן צו זיך די שעפערישע פּראָגרעסיווע כוחות פון אידישן לעבן, די, וואָס קענען ניט שלום מאַכן מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, וואָס שטרעבן צו אַ ניי אַלמענטשלאַך לעבן און זיינען גרייט אויף קאַמף, ווי שווער דער קאַמף זאָל ניט זיין. אויף וויפיל אין דעם ציוניזם גופא האָבן זיך גענומען אויסטיילן ווידערשפּעניקע גרופּן מיט סאָציאַליסטישע טענדענצן, איז דאָס אויך פאָרגעקומען אונטער דער שטייענדיקער ווירקונג פון׳ם „בונד". די ווידערשפּעניקע גרופּן אין ציוניזם האָבן קיין מאָל ניט געקענט קאָנקורירן מיט׳ן „בונד", אַפילו דעמאָלט

ווען זיי האָבן זיך אויספאָרמירט אין באַזונדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זיינען געוואָרן טעטיק צווישן די אידישע אַרבעטער. די סאָציאַליסטישע פּראַזע פון די דאָזיקע פּאַרטייען האָט אַ דאַנק דער רעאַלער מאַסן־טעטיקייט פון׳ם „בונד״ ניט געקענט געפינען פאַר זיך קיין ברייט פעלד אין דער אידישער אַרבעטער־סביבה.

ס׳איז געווען אַ צייט, ווען דער „בונד״ האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אָרגאַניזירונג אויך פון די קריסטלאַכע אַרבעטער, הויפּטזעכלאַך אין צפון־מערב געגנט, וואו ער איז פאַקטיש געווען די איינציקע און ערשטע מאַרקסיסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. דערמיט האָט זיין אַרבעט אַריבערגעשטייגט די ראַמען פון דער אידישער סביבה. דער „בונד״ האָט גענומען אַ גרויסן חלק אין דער אויספאָרמירונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. זיינע טוער האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו אָרגאַניזירן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ 1898 אין מינסק, אין זעקס חדשים אַרום נאָך דער גרינדונג פון׳ם „בונד״.

באַקעמפנדיק אויפ׳ן שאַרפסטן אופן די רעאַקציאָנערע ציוניסטישע באַוועגונג מיט איר פאַרגעטערונג פון לשון קודש און ארץ ישראל, אָפּרייסנדיק די אידישע מאַסן פון פאַרשימלטן בית־המדרש, האָט דער „בונד״ געהאָלפן אַנטוויקלען און פאַרשטאַרקן נייע מיטלען פון וועלטלאַכער קולטור דורך דער דערהויבונג פון דער אידישער שפּראַך און פון דער אידישער ליטעראַטור. מיט זיין אויפקום, ווען די אידישע אַרבעטער וואַכן אויף צו אַ ניי, קלאַסנבאַוואוסטזיניק לעבן, הויבט זיך פאַקטיש אָן דער בלי־פּעריאָד פון דער אידישער ליטעראַטור. ניט בלויז ווירקט דער „בונד״, אַז דעם אָרט פון שמ״ר׳ס און בלאָשטיינ׳ס ראָמאַנען זאָלן פאַרנעמען צווישן די אידישע אַרבעטער די מאָדערנע אידישע וואָרט־קינסטלער, נאָר ער איז דער, וואָס אַנטוויקלט די אידישע פּובליציסטיק, די אידישע וויסנשאַפטלאַכע טערמינאָלאָגיע. זיינע פּראָקלאַמאַציעס, פלוג־בלעטער, זיין אומלעגאַלע און לעגאַלע פּרעסע זיינען די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער אויסאַרבעטונג פון דער אידישער פּובליציסטיק. צוזאַמען דערמיט טראָגט דער „בונד״ אַריין נייע מאָטיוון, רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, אין דער

אידישער ליטעראַטור און וועקט אויף נייע ליטעראַריש־קינסט־לערישע כוחות.

אונטערשטרייכנדיק אויף טריט און שריט, אַז די אידישע אַרבעטער זיינען אַ טייל פון דעם רוסלענדישן און אַלוועלטלאַכן אַרבעטער־קלאַס, פאַרגעסט אָבער ניט דער „בונד" צו פאַרטיידיקן דעם פּרינציפּ, אַז זיי, די אידישע אַרבעטער, ווי די אַרבעטער פון אַלע אַנדערע פעלקער, האָבן דאָס פולע רעכט אויף זייער אייגענער שפּראַך און אויף זייער אייגענער קולטור. ער באַגרינדעט דעם שטאַנדפּונקט, אַז ווען די אַרבעטער שליסן צונויף די רייען אין איין גרויסער לאַנד־פּאַרטיי און אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאַכט, זאָגן זיי זיך ניט אָפּ פון זייער קולטור־געשטאַלט.

מיט זיין מוסטערהאַפטער טעטיקייט האָט דער „בונד" אויס־געאיבט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַנדערע לענדער, הויפּטזעכלאַך, פון אַמעריקע, קאַנאַדע און אַרגענטינע: זיינע טוער און מיטגלידער, וואָס האָבן עמיגרירט פון רוסלאַנד, האָבן אומעטום אין אויסלאַנד געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן.

אַט אַזוי איז אויפ'ן גורל פונ'ם „בונד" אויסגעפאַלן צו מאַכן אַן אמת'ע רעוואָלוציע אינ'ם אידישן לעבן. דער ציוניזם האָט געצויגן די אידישע מאַסן ריקווערטס, צו אָפּגעשטאַנענקייט; דער „בונד" האָט געצויגן פאָרווערטס, צו אַלץ גרעסערן פּראָגרעס. ניט אומזיסט האָט די אידישע בורזשואַזיע אַזוי געהאַסט און אַזוי באַ־קעמפט דעם „בונד". די אידישע בורזשואַזיע האָט געזען אינ'ם „בונד" דעם בלוטיקסטן שונא, פּונקט ווי דער „בונד" האָט געזען אין דער אידישער בורזשואַזיע דעם בלוטיקסטן שונא. ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט דעם ציוניזם באַטראַכט ווי אַ געווער קעגן „בונד", און די ציוניסטן, מיט זייער פירער הערצל בראש, זיינען גרייט געווען נאָכ'ן קישינעווער פּאָגראָם זיך שטעלן צו דינסט פונ'ם הייגקער פּלעווע, כדי צו פאַרניכטן דעם „בונד".

אַט אַזוי האָט דער „בונד" איבערגעלאָזט אַ גרויסע פּאָזיטיווע ירושה דערמיט, וואָס ער האָט פאַרזייט די קערנער פון באַוואוסט־

זיין, פון פאַראייניקונג און קאַמף צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן; זיין ווייט־גייענדיקע היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם אידישן לעבן איז דעריבער אומבאַשטרייטבאַר.



דאָס הויז אין ווילנע אויף לוקישקעס (טורמע־גאַס), וואו ס'איז פאָרגעקומען דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פונ'ם „בונד".



**ליובא אייזנשטאַט**
איינע פון די ערשטע טוערינס פונ'ם „בונד". געשטאָרבן אין ניו יאָרק.



**נאַדיא גרינפעלד**
אָנגעזעענע טוערין פונ'ם „בונד". דער־טרונקען געוואָרן דורך די רומענישע פּאָגראָמשטשיקעס אין יאָר 1918.



**אַלעקסאַנדער קרעמער**
איינער פון די גרינדער פונ'ם „בונד"

.2

## נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט און אָפּגעזונדערטקייט

צוזאַמען מיט דער פּאָזיטיווער ירושה האָט דער „בונד" איבערגעלאָזט נאָך זיך אויך אַ גרויסע נעגאַטיווע ירושה, וואָס מוז גענומען ווערן שטאַרק אין אַכט, כּדי צו קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק זיין געשיכטלאַכע ראָל.

דער „בונד" באַלאַנגט צו דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צו דער עפּאָכע פון צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די דאָזיקע עפּאָכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט און מיט נאַציאָנאַלער אָפּגעזונטערטקייט פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן. די דאָזיקע באַגרענעצטקייט און אָפּגעזונדערטקייט האָבן זיך אָם בולט'סטן אָפּגעשפּיגלט אינ'ם „בונד".

דער „בונד" האָט ניט אויסגעפילט די גרויסע אויפגאַבן, וואָס די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. ער האָט דורכגעלייגט אַ וועג פאַר'ן קלאַסנקאַמף פון די אידישע אַרבעטער, נאָר איז אַליין געפאַלן אין דעם דאָזיקן קאַמף. ער איז ניט געווען אימשטאַנד אַנטקעגנצושטעלן זיך דער קליינבירגערלאַכער סטיכיע, וואָס האָט געשפּאַרט פון אַלע זייטן. אָט די סטיכיע האָט פאַרפלייצט דעם „בונד". דער גייסט פון נאַציאָנאַליזם איז אַלץ געוואַקסן אין די רייען פונ'ם בונד", ווי אַ רעאַקציע אויף די אומגעהויערע נאַציאָנאַלע רדיפות מצד דעם צאַריזם. דער נאַציאָנאַלער דרוק, פון וואָס ס'האָט באַזונדערס שווער געליטן די אידישע באַפעלקערונג, האָט צוגעגעבן דער אידעאָלאָגיע פונ'ם „בונד" אַ שטאַרקע נאַציאָנאַליסטישע באַפאַרבונג. אין די באַדינגונגען פון נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט האָט דער נאַציאָנאַלער עלעמענט פאַרנומען דעם אויבנאָן; דער סאָציאַליזם איז געווען אַ ווייטער וואונש און בלויז אַ ענין פאַר טעאָרעטישע פּלפּולים.

דער זעלבער מאַרטאָוו, וואָס האָט פאָרמולירט די פּרינציפּן פונ'ם „בונד", איז געווען געצוואונגען בלויז אין אַכט יאָר אַרום,

נאָך זיין היסטאָרישער רעדע אין ווילנע, באַקעמפן די זעלבע פּרינ־ציפּן. פאַרוואָס? אַזוי ווי די באַגרינדונג וועגן דער נויטיקייט פון אַ באַזונדערער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ ריין־נאַציאָנאַליסטישע, האָט זי זיך אינ׳ם „בונד“, אונטער׳ן דרוק פון דער קליינבירגערלאַכער סביבה, פאַרוואַנדלט אין איינגן סעפּעראַטיזם.

דער סעפּעראַטיזם איז באַשטאַנען דעריו, וואָס דער „בונד“ האָט זיך באַטראַכט פאַר׳ן „איינציקן פאָרשטייער פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט“; ער האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז גע־ווען דער זין פון „איינציקער פאָרשטייערי“. צוליב דעם האָט דער „בונד“ ניט געוואָלט זיך באַנוגענען מיט אויטאָנאָמיע אין אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, ווי אַ שפּראַך־סעקציע פון דער אַל־געמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לאַנד־פּאַרטיי; ער איז באַ־שטאַנען דערויף, אַז ער זאָל בילדן אַ פעדעראַטיוון טייל פון דער לאַנד־פּאַרטיי, דאָס הייסט, אַ מלוכה אין אַ מלוכה; ער האָט געפאָדערט אַן אייגענע פּאַרטרעטערשאַפט, באַשטימט פון אים אַליין, אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער לאַנד־פּאַרטיי. אָט־דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ איז דורכאויס געווען פאַלש און במילא העכסט שעדלאַך: ער האָט געמאַכט אוממעגלאַך וועלכע ס׳איז צענטראַליזירטקייט, פעסט־געשלאָסענע איינהייט, אָרגאַנישע צוזאַמענגאָסנקייט און באַהעפטיקייט פון אַלע אַרבעטער, אָן אונ־טערשייד פון נאַציע, אין דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער לאַנד־פּאַרטיי. אויף אַזוי פיל האָט דעם „בונד“ס אָרגאַני־זאַציאָנעלער פּרינציפּ געשאַפן מחיצות, וואָס גראָבן אונטער די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן־ליניע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער נאַציאָנאַליזם האָט דאָ אין „בונד“ געגומען די אויבערהאַנט איבערן קלאַסנקאַמף.

פון דער שטרעבונג צו בילדן אַ פעדעראַטיוון טייל אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי איז אַרויסגעדרונגען דעם „בונד“ס פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס איז אויך געווען קליינבירגערלאַך־אוטאָפּיש לויט איר עצם. די דאָזיקע פאָדערונג איז געווען געבויט אויפ׳ן פאַלגנ־דיקן טעאָרעטישן יסוד:



**אסתר (מ. פרומקין)**

אָנגעזעענע פירערין פונ'ם „בונד", גלענצנדיקע שריפט־שטעלערין, — די לעצטע יאָרן אָנגעזעענע קאָמוניסטישע טוערין, מיטגליד פון צענטראַל־ביוראָ פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס ביים צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. רעקטאָר פון קאָמוניסטישן אוניווערזיטעט פון די מערב־פעלקער.



**א. ווײַנשטיין (ירחמיאל)**

איינער פון די גרינדער און אָנגעזעענסטע פ י ר ע ר פונ'ם „בונד". די לעצטע יאָרן אָנגעזעענער קאָמוניסטישער טוער, מיטגליד פון קאָלעגיע פון פינאַנץ־קאָמיסאַריאַט פונ'ם סאָוועטנפאַרבאַנד, מיטגליד פון פרעזידיום פון סאָוועטישן מלוכה־קאָמיטעט פאַר אײַנאָרדענען אידן אויף ערד.



**משה ראָפעס**

אָנגעזעענער פ י ר ע ר פונ'ם „בונד". די לעצטע יאָרן אָנגעזעענער קאָמוניסטישער טוער.



**א. מערעזשין**

אָנגעזעענער ט ו ע ר פונ'ם „בונד". פאַרפאַסער פון „בונד און ציוניזם". די לעצטע יאָרן פירער פון די אידישע קאָמוניסטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד; מיטגליד פון צענטראַל־ביוראָ פון די אידישע סעקציעס ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. סעקרעטאַר פון סאָוועטישן מלוכה־קאָמיטעט פאַר אײַנאָרדענען אידן אויף ערד.

די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן פון פעלקער דריקן זיך אויס ניט אין עקאָנאָמיק און פּאָליטיק, נאָר אין קולטור. פון איין זייט האָבן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציעס איינע און די זעלביקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן: פון דער צווייטער זייט האָט די בורזשואַזיע פון פאַרשיידענע נאַציעס איינע און די זעלביקע אינטערעסן. דער קלאַסנקאַמף דריקט זיך אויס אין עקאָנאָמיק און פּאָליטיק אַמ'בולט'סטן. כדי צו פאַרטונקלען דעם קלאַסנקאַמף, זוכט די בורזשואַזיע צו פאַרשאַרפן די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן פון פעלקער, אַנצורייצן איין פאָלק אויפ'ן צווייטן; זי טוט עס אויף אַלערליי אופנים, הויפּטזאַכלאַך דורך אַריינשלעפּן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין דער אַלגעמיינער מלוכה־פאַרוואַלטונג, וואָס דאַרף זיך פאַרנעמען מיט ריין־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ענינים. פאַר דער אויסקריסטאַליזירונג פון קלאַסנקאַמף מוז אין אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג אויסגעשלאָסן ווערן די נאַציאָנאַלע פראַגע פון דער אַלגעמיינער מלוכה־פאַרוואַלטונג, פונ'ם פּאַרלאַמענט, וואָס איז די העכסטע געזעצגעבנדיקע איינריכטונג פונ'ם לאַנד. דער פּאַרלאַמענט מוז צוזאַמענגעשטעלט ווערן ניט לויט'ן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ, נאָר לויט'ן קלאַסן־פּרינציפּ.

וואָס אנבאַלאַנגט קולטור־ענינים, דאַרף יעדע נאַציע האָבן דאָס פולע רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט זיי אַליין; זי דאַרף באַקומען זעלבסטפאַרוואַלטונג אין דער פאָרם פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן פּאַרלאַמענט אָדער סיים; דער דאָזיקער פּאַרלאַמענט אָדער סיים דאַרף זיך אָפּגעבן מיט די פּראָבלעמען פון שפּראַך, קינדער־דערציאונג, קונסט און ליטעראַטור און אַלע אַנדערע קולטורעלע באַדערפנישן פון דער געגעבענער נאַציע. אַזוי ווי אויך אין קולטור האָבן די אַרבעטער זייערע אייגענע אינטערעסן און די בורזשואַזיע אירע אייגענע אינטערעסן, מוז דאָ אויך פאַרקומען אַ קלאַסנקאַמף. די קלאַסנליניע וועט אויף אַזאַ אופן אויף אַ מלוכה־מאַסשטאַב דורכגעפירט ווערן אויך אין קולטור־ענינים: דערפון וועט דער אַרבעטער־קלאַס זייער פיל געווינען, ווייל עס וועט אַרויסגענומען ווערן ביי דער בורזשואַזיע דאָס געווער, ווי אַזוי אויסצונוצן די נאַציאָנאַלע פראַגע, כדי צו פאַרטונקלען דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין פון די אַרבעטער.

דער „בונד“ איז געווען איבערצייגט, אַז פאַר אַזאַ לאַנד,

ווי רוסלאַנד, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַזוי פיל פאַרשיי־דענע נאַציעס, איז די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע ביי אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג די פּאַסיקסטע לייזונג פון דער אָנגעווייטאַקטער נאַציאָנאַלער פראַגע אין די אינטערעסן פון קלאַסנקאַמף.

די גאַנצע טעאָריע פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז אָבער געווען ווייט ניט קיין מאַרקסיסטישע. ערשטנס, איז ניט ריכטיק, אַז די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון אַ פאָלק דריקן זיך אויס אויסשליסלאַך אין קולטור; די דאָזיקע אייגנ־שאַפטן האָבן אויך אַן עקאָנאָמישן אונטערשלאַק, דרינגען אַרויס פון אַ געוויסער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. צווייטנס, איז ניט מעגלאַך אין קיין שום קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, וואָס האַלט זיך אויף פּריוואַט־אייגנטום און במילא אויף אונטערדריקונג, אַפילו אין דער דעמאָקראַטישסטער, קיין פרייהייט אויך אויפ'ן קול־טורעלן געביט.

ווי פאַלש ס'איז ניט געווען דער קוק פון די כל המינים ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע סאָציאַליסטן אויף די פּראָבלעמען און פּערספּעקטיוון פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דאָך געווען עפּעס געזונטס אין זייער קריטיק פון „בונד"ס נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, וואָס פאַרזעט אייניקע אייגנ־אַרטיקע שטריכן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, שטריכן, וואָס נעמען זיך פון אַ גאַנצער ריי היס־טאָרישע סיבות. פאַרשטייט זיך, די האָפנונג, אַז די אייגנ־אַרטיקייט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון אידישן פּראָ־לעטאַריאַט קען געלייזט ווערן בלויז דורך דער דעראָבערונג פון אַן אייגענער טעריטאָריע, וואו די אידישע מאַסן זאָלן זיך קענען פּראָלעטאַריזירן און פּראָדוקטיוויזירן, האָט ניט אויסגעהאַלטן די מינדסטע קריטיק.

די כל המינים ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע סאָציאַ־ליסטן האָבן ניט איינגעזען, אַז בלויז דורך דער אָפּשאַפונג פון קאַפּיטאַליזם, ביי דער הערשאַפט פון אַרבעטער־קלאַס איז מעגלאַך צו נאָרמאַליזירן אויך עקאָנאָמיש דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן, — שוין אָפּגערעדט פון פאַרזיכערן פאַר די מאַסן פרייע קולטורעלע אַנטוויקלונג, וואָס ווערט פולשטענדיק גאַראַנטירט אין די באַ־דינגונגען פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און אַ פרייער סאָציאַ־

ליסטישער אָרדנונג. דער סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו צוזאַמען מיט דער פריִיסטער קולטורעלער אַנטוויקלונג האָבן די אידישע מאַסן באַקומען די מעגלאַכקייט אינגאַנצן איבערבויען עקאָנאָמיש זייער לעבן, דעמאָנסטרירט אַמבעסטן די פאַלשקייט פונ׳ם „בונד"ס נאַציאָנאַלער פּראָגראַם און פון דער טעאָריע פון די ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישע סאָציאַליסטן. גראַד נאָך דעם זיג פון דער „דעמאָקראַטיע" איז דער „בונד" געווען געצוואונגען אײַנצוגייִן אויף אויסברייטן די ראַמען פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און ניט באַנוגענען זיך בלויז מיט קולטור. דער באַנקראָט פון זייִן נאַציאָנאַלער פּראָגראַם איז אויף אַזאַ אופן געווען אַ צווייפאַכער, אי פּראַקטיש, אי פּרינציפּיעל. דעם דאָזיקן באַנקראָט האָבן פאָר־אויסגעזען סיי לענין, סיי פּלעכאַנאָוו, סיי מאַרטאָוו נאָך ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905; זיי האָבן געוואָרנט דעם „בונד", אַז די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, וואָס דריקן זיך אַמ׳בולט׳סטן אויס אין זייִן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ און אין זייִן נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, פאַרפירן אים אין נאַציאָנאַליסטישן זומפּ. פּלעכאַנאָוו האָט דעמאָלט די בונדיסטן אָנגערופן „ניט אויסגעהאַל־טענע ציוניסטן". דער „בונד" האָט אָבער פון קיין זאַך ניט גי־וואָלט וויסן. זייִן סעפּעראַטיזם האָט געפירט דערצו, אַז דער „בונד" זאָל אין יאָר 1903 אַרויסטרעטן פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אויפגעבן זייִן נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט. אַפילו שפּעטער, אין יאָר 1906, ווען ער איז ווידער אַרייַנגעטראָטן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט דער „בונד" פאַקטיש געפירט אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ, — די פאַראייניקונג מיט דער לאַנד־פּאַרטיי איז מער געווען אַ פאָרמעלע.

די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט האָט אין דער צייט פון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע פון מערץ 1917 גע־בראַכט דערצו, אַז די קליינבירגערלאַכע סטיכיע זאָל דורכאויס באַהערשן דעם „בונד". ביי אַזאַ צושטאַנד איז ניט געווען קיין צופאַל, וואָס מיט׳ן אָנקומען פון דער דריטער, אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע פון יאָר 1917, זאָל דער „בונד" זיך אָפּקערן מיט׳ן רוקן צו זייִן רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. גראַד אין דעם שאַרפסטן איבערברוך־מאָמענט אין דער רוסלענדישער און

אַלוועלטלאַכער ארבעטער־באַוועגונג האָט דער „בונד“ ניט אויס־געהאַלטן דעם עקזאַמען פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און איז אַראָפּ פון דער סצענע. אויב אין פוילן אָדער ערגעץ אַנדערש וואו עקזיסטירט נאָך אַ „בונד“, איז דאָס בלויז אין נאָמען: מיט׳ן אַלטן אַמאָליקן „בונד“ האָט דער איצטיקער „בונד“ קיין שום שייכות ניט, איז בלויז אַ פאַרשוועכונג פון יענעם „בונד“. אַזאַ פינאַל איז געווען אומפאַרמיידלאַך, ווייל ער איז נעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער גאַנצער ראָל, וואָס דער „בונד“ האָט גע־שפּילט אין דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווי דער „איינציקער פאַרשטייער פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט“.



י. גאזשאנסקי (לנו)

אַנגעזעענער פירער פונ׳ם „בונד“, זשור־נאַליסט, טוער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־אייגען. די לעצטע יאָרן באַלשעוויסטישער טוער.



צמח קאַפּלסאָן (טימאָפיי)

איינער פון די גרינדער פונ׳ם „בונד“. די לעצטע יאָרן קאָמוניסטישער טוער.



א. טשעמערינסקי

אָנגעזעענער טוער פונ׳ם „בונד“. די לעצטע יאָרן פי־רער פון די אידישע קאָמו־ניסטן אין סאָוועטן־רוסלאַנד. סעקרעטאר פון צענטראַל־ביוראָ פון די אידישע סעקציעס ביים צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי, פאַרפאַסער פון בוך „די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניס־טישע פאַרטיי און די אידישע מאַסן“.

3.

# ניט אַהער און ניט אַהין

די גרויסע שטרייטיקייטן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, וואָס האָבן געהאַלטן צעשפּאָלטן די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף צוויי געגנערישע פראַקציעס, האָבן געפונען אַ שוואַכן אָפּקלאַנג אין׳ם „בונד“, הגם אין די דאָזיקע שטרייטיקייטן זיינען געווען פאַרוויקלט די וויכטיקסטע גרונט־פּראָבלעמען פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און טאַקטיק.

געהאַנדלט האָט זיך אין די שטרייטיקייטן קודם כל וועגן דעם, ווי עס דאַרף זיין געבויט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַר־בעטער־פּאַרטיי — צענטראַליסטיש, פון אויבן אַראָפּ, ווי אַ מילי־טעריש־דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלו־ציאָנערן, אָדער צעשוואָומען, ווי אַ פאַראייניקונג פון מענטשן, וואָס אָנערקענען איין און דאָס זעלביקע פּראָגראַם, נאָר זענען ניט אָרגאַניש צונויפגעגאָסן אין אַן איינהייטלאַך־צונויפגעשמידטער אָרגאַניזאַציע.

די מענשעוויקעס זענען געווען פאַר אַ פּאַרטיי, וואָס נעמט אַריין כל־ערליי עלעמענטן, וויבאַלד די דאָזיקע עלעמענטן אָנער־קענען זיך פאַר סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די באָלשעוויקעס, מיט לענינען בראש, זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז אַזאַ פּאַרטיי קען ניט זיין קיין אינסטרומענט פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף.

די באָלשעוויקעס זענען געווען גערעכט, ווייל אין דער ווירק־לאַכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מענשעוויסטישע שמועסן עפענען די טירן אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס פאַר אַלעמען, ווער עס זאָגט אַרויס זיין מיטגעפיל צו דער אַרבעטער־באַוועגונג אָדער שטיצט זי מאַטעריעל. דאָס האָט באַדייט — אונטערוואַרפן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויסגעפאָרמירט, האָט זיך נאָך ניט פאַרשטאַרקט, אונטער דער ווירקונג פון דער קלייגבורזשואַזיע. ביי די באַדינגונגען פון צאַ־ריזם, וואָס האָט אויפגעבראַכט קעגן זיך ברייטע קרייזן פון

דער קליינבירגערלאכער אינטעליגענץ, ביי דער פארפלאכטקייט פון ליבעראליזם, האט יעדער אדוואקאט זיך פארדעקט מיט'ן שלייער פון סאציאליזם. ווער עס האט אריינגענומען אזא איינעם אין דער פארטיי בלויז דערפאר, וואס ער אנערקענט דאס פראגראם פון דער פארטיי און שטיצט זי מאטעריעל, יענער האט אפגעגעבן די צעשטויבטע ארבעטער־באוועגונג אין די הענט פון דער קליינ־בורזשואזיע.

די באלשעוויקעס, וואס האבן געפאדערט, אז פאר א מיטגליד פון דער פארטיי זאל זיך רעכענען דער, ווער ס'ארבעט אין דער אומלעגאלער ארגאניזאציע פונ'ם פראלעטאריאט, האבן געשטרעבט קלענער צו מאכן די געפאר פון אונטערוואַרפן די ארבעטער־באוועגונג צו דער קליינבירגערלאכער אינטעליגענץ. אפילו דער, ווער עס רייסט מיט דער בורזשואזער געזעלשאפט, ווער עס רי־זיקירט מיט זיין אנגעהעריקייט צו דער אומלעגאלער ארגאניזאציע פונ'ם פראלעטאריאט, ווער ס'איז געווארען א פראפעסיאנעלער רעוואלוציאנער, — אויך דער קען ניט געבן קיין גאראנטיעס, אז ער וועט בלייבן טריי צו דער זאך פונ'ם פראלעטאריאט: לכל הפחות, געוויסע גאראנטיעס האט ער דאך געגעבן.

לענין האט אזוי פארמולירט דעם באלשעוויסטישן ארגאני־זאציע־פרינציפ: דעם רוסלענדישן ארבעטער־קלאס, וואס איז פאנאנדערגעווארפן איבער א גוואלדיקער טעריטאריע, וועמען ס'קומט אוים צו פירן א קאמף ניט בלויז מיט צאריזם, ניט בלויז מיט דער בורזשואזיע, נאר אויך מיט עלעמענטן, וואס ציען אים אפ פון ריכטיקן וועג, איז נויטיק אן אייזערנער סקעלעט, כדי ארום אט דעם סקעלעט זאל זיך אויסבילדן א רעוואלוציאנערע ארגאניזאציע פון פראלעטאריאט. דער אייזערנער סקעלעט דארף זיך בילדן פון מענטשן, וואס זענען גרייט זיך איינצאנצן אפגעבן דער רעוואלו־ציאנערער טעטיקייט, פאר וועמען די רעוואלוציע זאל ניט זיין קיין צירונג, ניט קיין אפרו פון דער שטענדיקער ארבעט, נאר א פראפעסיע, אויך אזא פראפעסיע, ווי אלע אנדערע פראפעסיעס, מיט'ן אונטערשיד בלויז, וואס דא איז דער מענש זיך מקריב פאר די אינטערעסן פון א קלאס.

פארשטייט זיך, אז ס'האט זיך אין די שטרייטיקייטן צווישן די באלשעוויקעס און די מענשעוויקעס געהאנדלט ניט בלויז וועגן

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, נאָר וועגן דעם וועג, וואָס אויף אים דאַרף זיך אָרגאַניזירן דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט, כּדי צו קעמפן און דורכפירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע; ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם פאַרבאַנד מיט'ן פּויערטום, וועגן בלאָקן מיט אַנדערע שיכטן, וועגן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וועגן דער מעגלאַכקייט פאַר די אַרבעטער צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין איין לאַנד און אַזוי ווייטער. די באָלשעוויקעס האָבן די דאָזיקע אַלע פּראָבלעמען אַוועקגעשטעלט שאַרף און בולט, אין קעגנזאַץ צו דער וואַקלדיקייט פון די מענשעוויקעס.

די אַנטוויקלונג פון דער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַוויזן, אַז דער באָלשעוויסטישער שטאַנדפּונקט איז געווען דער ריכטיקער: די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַנשויאונגען פון די באָלשעוויקעס זיינען ניט געווען קיין אויסדרוק פון סעקטאַנטישקייט, פון אַ פאַרשווערערישער טאַקטיק, ווי די מענשעוויקעס האָבן געטענה'ט, נאָר זיינען אַרויסגעדרונגען פון די לעבנס־אינטערעסן פון רוסלענדישן אַרבעטער קלאַס.

אָנמערקנדיק דעם וועג פון פּראָלעטאַריאַט אויפ'ן גרונט פון מאַרקסיסטישן אַנאַליז און באַשאַפנדיק די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, האָבן די באָלשעוויקעס באַשאַפן די באַדינגונגען פאַר דער צענטראַליזירטער אָנפירונג מיט'ן אַרבעטער־קאַמף; זייער אָרגאַניזאַציע האָט געקענט אָנפירן מיט'ן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט אין די שווערסטע מאָמענטן; זי האָט געקענט באַשטיין אויף רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן אין די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן שטילשטאַנד; זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברייטער מאַסנאָרגאַניזאַציע, וואָס ציט אַריין דעם פּראָלעטאַריאַט אין קלאַסנקאַמף און ווייסט די קונסט ווי צו מאַנעווורירן מיט'ן שונא.

ניט אַזוי איז געווען דער פאַל מיט די מענשעוויקעס; זיי איז געלונגען אין די אויפשטייג־מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע צו באַשאַפן אַ ברייטע אָרגאַניזאַציע. מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָט אָבער אָנגעפירט די ניט־שטאַנדהאַפטיקע אָפּאָרטוניסטישע אינטעליגענץ; דעריבער איז די אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַלץ פלאַכער, ביז וואַנען זי איז אינגאַנצן דורכגעפרעסן געוואָרן





**אסתר ריסקינד** **ג. זאקהיים**

טוערינס פונ׳ם „בונד“. דער׳הרג׳עט אויף דער אַרבעטער־בירזשע אין ביאַ־ליסטאָק אין יאָר 1905.



די אומלעגאַלע פּרעסע פון „בונד“ ביז יאָר 1904.



**משה טערמאַן**

געבוירן 1879 - גע־שטאָרבן 1917. איינער פון די ערש־טע טועער און טעאָרעטיקער פונ׳ם „בונד“. פּאַרפאַסער פון „רעליגיע און קלאַסן - געגנזאַצן“, „קולטור און דער אַרבעטער־קלאַס“, אי־בערזעצער פון מאַרק־סיסטישע ווערק אין אידיש פון אייראָ־פּיאישע שפּראַכן.



**פּ. ראָזענטאַל (אנמאַן)**

געבוירן אין יאָר 1872— געשטאָרבן אין יאָר 1924. איינער פון די ערשטע פירער פונ׳ם „בונד“, שריפטשטעלער, פּראָפּאַגאַנדיסט.



**בראָניסלאַוו גראָסער**

געשטאָרבן — 1912 גלענצנדיקער פירער פונ׳ם „בונד“ אין פּוילן.

מיט אָפּאָרטוניזם און איז געוואָרן אַ שטערונג פאַר דער אַנטוויק־לונג פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. אויב שוין אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, הויפּטזעכלאַך אין די רעאַקציע־יאָרן נאָך איר, האָבן זיך די מענשעוויקעס גע־גליטשט אַלץ מער באַרג־אַראָפּ, האָבן זיי זיך אינגאַנצן אויסגע־גליטשט אין דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע און אין דער דריטער.

ס'איז געווען אוממעגלאַך פאַר אַ לעבעדיקער סאָציאַליסטי־שער אָרגאַניזאַציע צו בלייבן שטיין אָן אַ זייט פון דעם העכסט־וויכטיקן קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. דער „בונד" איז אָבער געבליבן שטיין אָן אַ זייט.

ס'זיינען אויך אין'ם „בונד" געווען באָלשעוויקעס און מענ־שעוויקעס. אַמאָל האָט די אָדער יענע ריכטונג אַפילו געהאַט די אויבערהאַנט. צו קיין שאַרפן פראַקציע־קאַמף איז אָבער קיינמאָל ניט געקומען. דער „בונד" איז שטענדיק געווען גאַנץ און איינהייטלאַך. ס'האָבן גאַנץ פרידלאַך געהויזט אין אים אי באָלשעוויסטיש־געשטימטע, אי מענשעוויסטיש־געשטימטע עלע־מענטן. האָט די מענשעוויסטישע שטרעמונג געזיגט, האָבן זיך איר אונטערגעגעבן די באָלשעוויקעס. וועגן שפּאַלטן זיך האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. פון אויבנאויף קען זיך דאַכטן, אַז אין דעם איז באַשטאַנען די שטאַרקייט פונ'ם „בונד". אין דער אמת'ן איז דאָס אָבער ניט געווען קיין שטאַרקייט, נאָר אַ שוואַכקייט. דאָס האָט באַוויזן, אַז ניט מאַרקסיסטישע גרונט־פּרינציפּן צעמענטירן דעם „בונד", נאָר נאַציאָנאַליסטישע טענ־דענצן. די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן האָבן פאַרטושט די מאַרק־סיסטישע גרונט־פּרינציפּן.

אויב אין דעם ערשטן פּעריאָד האָט דער „בונד" געהאַט אַ מער אָדער ווייניקער אויסגעהאַלטענע ליניע, האָט ער אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג די ליניע פאַרלוירן. זיינע טוער האָבן געזוכט צו שאַפן אַ באַזונדערע שטה אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַ סינטעז פון באָלשעוויזם און מענשעוויזם, האָט זיך באַקומען אַ שטענדיקע וואַקלדיקייט דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס. סיי די באָלשעוויקעס, סיי די מענשעוויקעס פונ'ם „בונד" זענען געווען פון אַ באַזונדערן מין, אייגנאַרטיקע. דעריבער האָבן אי לעניז, אי פּלעכאַנאָוו, אי מאַרטאָוו געקוקט

אויפ'ן „בונד“, ווי אויף אַ צענטריסטישער אָרגאַניזאַציע, אַן אָר־
גאַניזאַציע, וואָס האָט ניט קיין אויסגעשפּראָכענע פּרינציפּיעלע
ליניע, נאָר קלייבט אויס דעם „גאָלדענעם“ מיטן. אַזאַ פּאָזיציע
פון ניט אַהער און ניט אַהין הייסט אויף דעם מאַרקסיסטישן
זשאַרגאָן „בלאָטע“.

די ניט־אויסגעהאַלטענע טאַקטיק פונ'ם „בונד“ בנוגע צו
די וויכטיקסטע פראַגן וועגן דעם אַלגעמיינעם בוי פון דער רוס־
לענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועגן די
וויט־גייענדדיקע פּראָבלעמען פון דער רוסלענדישער רעוואָלו־
ציאָנערער באַוועגונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער נאַציאָנאַ־
לער אָפּגעזונדערטקייט פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער
צאַרישער הערשאַפט, פון דעם קליינבירגערלאַכן כאַראַקטער פון
אידישן אַרבעטער־לעבן. די אידישע אַרבעטער זענען צום מערסטן
געווען האַנטווערקער, קליינע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געשפּילט
אַן אומבאַדייטנדיקע ראָל אין דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג
פונ'ם לאַנד. ניט פון זיי איז אָפּגעהאַנגען דער גורל פון דער
רוסישער רעוואָלוציע. אויב ס'איז געווען אַ צייט, ווען דער
אידישער פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירט אינ'ם „בונד“, האָט גע־
בילדעט דעם אַוואַנגאַרד פון דער אַלגעמיינער רוסלענדישער אַר־
בעטער־באַוועגונג, איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס די גרויסע
רוסישע אַרבעטער־מאַסן האָבן נאָך ניט אויפגעוואַכט צו אַ
קלאַסנבאַוואוסטזיניקן לעבן. דעמאָלט האָט דער „בונד“ מיט
זיין אָרגאַניזאַציאָנעלער פעסטקייט געדינט ווי אַ מוסטער פאַר
דער גאַנצער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

וואָס מער די רוסישע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צוקומען
צום וואָרט, צו פאַראייניקן זיך צווישן זיך, אַלץ מער האָט דער
„בונד“ גענומען פאַרלירן זיין אויבנאָן. עס האָט זיך אָנגעהויבן
אַרויסווייזן די שוואַכקייט פונ'ם „בונד“ אין פּרינציפּיעלע פראַגן,
וואָס האָבן אַ שייכות צום עצם פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער
באַוועגונג אין רוסלאַנד. דער „בונד“ האָט שוין געלעבט איינ־
גאַנצן אונטער דער השפּעה פון אַנדערע, ניט אַרויסצייגנדיק קיין
אייגענע שאַפונס־קראַפט, קיין זעלבסטשטענדיק אַרט דיינקען
אין פּראָבלעמען פון טעאָריע און פּראַקטיק. אויף וויפיל דעם
„בונד“ האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ פּשרה צווישן באָלשעוויזם
און מענשעוויזם, אויף אַזוי פיל האָט ער געמוזט בלייבן שטעקן

אין „בלאַטע". די לייטנדיקע גייסטער פונ'ם „בונד" זענען ניט געווען מסוגל דאָס איינצוזען. זיי האָבן אַלץ געוואָלט זיך איינ־ריידן, אַז זייער פשרות־טאַקטיק איז אַ שטה פאַר זיך אַליין אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז אויפ'ן גורל פונ'ם „בונד" איז אויסגעפאַלן צו שאַפן די אמת'ע טאַקטישע ליניע. ווען ס'פלעגט דעריבער קומען צו שטרייטיקייטן אין וויכטיקע פרינציפיעלע פראַגן, הויפּטזעכלאַך איבער באָלשעוויזם און מענ־שעוויזם, וואָס האָבן געפאָדערט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענע שטע־לונג, פלעגט מען מיט שטאָלץ דערקלערן: וואָס מיר זענען — זענען מיר, בונדיסטן זענען מיר. דערמיט זענען אַלע קשיות געווען פאַרענטפערט, דאָס הייסט, די בונדישע לייזונג איז די ריכטיקסטע.

גלייך ביים אויסברוך פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די גאַנצע מעשה וועגן אַן אייגענער שטה איז טאַקע ניט מער, ווי אַן איינרייִדעניש. ניט בלויז האָט דער „בונד" ניט געשאַפן קיין טאַקטישע ליניע פאַר דער גאַנצער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ניט געפונען דעם „גאָלדענעם" מיטן צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם, דעם סינטעז פון די צוויי קעמפנדיקע ריכטונגען, נאָר ער איז אַוועק אויפ'ן הינטערגרונט, האָט אויפגעהערט צו זיין דער אַוואַנגאַרד, צו דינען פאַר אַ מוסטער. די ראָל פון דעם אידישן פּראָלע־טאַריאַט אין דער רעוואָלוציע גופא האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין באַגרענעצט. דעם טאָן האָבן גענומען געבן די רוסישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען איינגעגלידערט אין דער גרויס־אינדוסטריע. דער צענטער פון דער רעוואָלוציע, פון אַלע שלאַכטן מיט'ן צאַריזם, האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון ווילנע, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט פון דעם אידישן תחום קיין פעטערבורג, מאָסקווע, אין די שטעט מיט די גרויסע פאַבריקן. אויף דער סצענע האָט זיך אויך באַוויזן דאָס מיליאָניקע פויערטום מיט זיינע שלאַכטן אין די דערפער.

שוין אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט אין באַוועגונג די ברייטסטע האָרעפאַשנע מאַסן פונ'ם גאַנצן לאַנד, האָט אָנגעהויבן צו פאַלן די באַדייטונג פונ'ם „בונד". דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלאַכער פּראָצעס. אויפ־געהאַלטן דעם „בונד", ווי אַזעלכן, ווי אַ שטאַרק־פּאַראייניקטע אָר־

גאניזאציע, האָבן דעמאָלט די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, דער אַלטער בונדישער פּאַטריאָטיזם, די טיף־איינגעוואָרצלטע טראַדיציע. קיין געזונט פון אַזאַ שטאַרקייט איז דעם „בונד" ניט צוגעקומען. אַנשטאָט צו גיין פאָראויס, נאָכצוקומען די פאָדערונגען פונ'ם לעבן, איז ער ביסלאַכווייז געבליבן אָפּגעשטאַנען, פאַרגליווערט. די קליינבירגערלאַכע איינגעגלויבטקייט, אַז דער „בונד", מיט זיין נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, מיט זיין אָרגאַניזאַציאָנעלן געבוי, איז דאָס נייסטע וואָרט אין דעם מאַרקסיזם, האָט אַלץ מער און מער פאַרשלעפּט די בונדישע טוער אין אָפּאָרטוניזם. די נאַציאָנאַלע שטאַרקייט האָט זיך ערשט אין ברען פון רעוואָלוציע אַרויסגעוויזן ווי די גרעסטע שוואַכקייט. ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס פון נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע אָן ווערט דער „בונד" דורכאויס מענשעוויסטיש. די קליינבירגערלאַכע סטיכיע, וואָס באַהערשט אַלץ מער און מער, אונטער דער ווירקונג פון דער פאַרשטאַרקטער רעאַקציע, די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, וואָס שטעקט אָן אויך געוויסע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס. פאַרכליניעט דעם „בונד".

באַזונדערס האָט זיך אַרויסגעוויזן די שוואַכקייט פון דעם „בונד'ס" נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט אין צייט פון דער מלחמה.

די מלחמה האָט געבראַכט דערצו, אַז אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט זאָל זיך אָנהויבן אַ פּראָצעס פון איבערשאַצן אַלע אַלטע ווערטן, אַ פּראָצעס, וואָס האָט געפירט צו דער צעשפּליטערונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די צעשפּליטערונג איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע, ניט קלענער ווי די מלחמה; זי איז אָבער געווען אומפאַרמיידלאַך, ווייל ביי דעם ערשטן גרויסן נסיון פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער באַנקראָט פון דער אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פון צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל; ניט אומזיסט האָבן דאָך שוין מיט יאָרן צוריק געוואָרנט קעגן דער דאָזיקער פּאָליטיק אַזעלכע אמת'ע רעוואָלוציאָנערע פירער, ווי לענין, פראַנץ מערינג, דעניעל דעליאָן, ראָזע לוקסעמבורג, קאַרל ליבקנעכט און אַנדערע. אויך דער גרויסער פּראָצעס פון איבערשאַצן אַלע אַלטע ווערטן האָט ניט אָנגערירט דעם „בונד". אונטער איין דאַך האָבן ביי אים געהויזט

שייַדעמאַנער און צימערוואַלדער, מלחמה פּאַטריאָטן און קעגנער פון מלחמה, רעפאָרם־סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, רעכטע און לינקע. מ'האָט זיך געקריגט צווישן זיך, דיסקוטירט די שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן; צו קיין שפּאַלטונג האָט עס אָבער ניט געפירט. דער „בונד" האָט עקזיסטירט ווי פריער. די בונדיסטן זענען ווידער געווען שטאָלץ מיט אַזא פעסטקייט. אין דער אמת'ן האָט דאָס אָבער אויסגעדריקט פּאַרגליווערטקייט, פאַרשטיינערטקייט. דערויף האָבן פון זייער זייט געהאַט א גרויסע ווירקונג די אידישע צרות אין דער צייט פון דער מלחמה. די דאָזיקע צרות האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די אָפּגעזונדערטקייט פונ'ם „בונד", שאַרפער און טיפער געמאַכט די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן און אָפּנויגונגען, וואָס דער „בונד" האָט געהאַט אין זיך שוין פון די ערשטע יאָרן אָן.

די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע האָט ניט געבראַכט קיין ענדערונגען אין דער אידעאָלאָגישער פיזיאָנאָמיע פונ'ם „בונד". די האָפנונג, אַז איצטער וועט געלינגען צו פאַרווירקלאַכן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, האָט געשאַפן א נייעם באָדן פאַר הארמאָניע צווישן אַלע ריכטונגען. צוליב דער בונדישער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א פולשטענדיקע אוטאָפּיע אונטער דער הערשאַפט פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע, זענען, דאַכט זיך, פאַרשוואונדן אַלע גרויסע פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע. דער „בונד", אָפּגעזונדערט פון די גרויסע שטורמס אַרום, האָט אונטער די נייע באַדינגונגען פאַרטגעזעצט צו לעבן אָפּגעזונדערט און אָפּגעשלאָסן.

אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אין דער צייט פון דער מלחמה אויסגעבילדט א נייע ריכטונג, אויסער דער באָלשעוויסטישער און מענשעוויסטישער, — די אַזוי גערופענע אינטערנאַציאָנאַליסטישע, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען ל. מאַרטאָוו. גלייך נאָך דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע איז די אינטערנאַציאָנאַליסטישע ריכטונג געווען נאָענט צו די באָלשעוויקעס; זי האָט אָנערקענט און געפּריידיקט פיל באָלשעוויסטישע לאָזונגען. די אינטערנאַציאָנאַליסטן זענען געווען קעגן דער פאָרטזעצונג פון דער מלחמה, אפילו פאַר א סעפּאַראַטן שלום פון רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד, קעגן וועלכער ס'איז

מיטאַרבעטערשאַפט מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען.

די דאָזיקע ריכטונג האָט אויך געפונען איר אויסדרוק אינ׳ם „בונד“. אַבראַמאָוויטש איז געווען איר וואָרט־פירער. דאָך האָבן די אינטערנאַציאָנאַליסטן געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט אַזעלכע פאַרביסענע מלחמה־פּאַטריאָטן, ווי ליבער, וואָס האָבן געלייגט זייערע אַלע האָפנונגען אויף ווילסאָנ׳ס דעמאָקראַטיע. נאָך מער: ס׳זענען שוין דעמאָלט געווען אין „בונד“ עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס. די דאָזיקע עלעמענטן האָבן שטאַרק קריטיקירט די אינטער־נאַציאָנאַליסטן פאַר ניט גיין ווייטער און ניט אָננעמען דאָס גאַנצע פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס וועגן פאַרוואַנדלען די רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און איינשטעלן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אָט־די באָלשעוויקעס האָבן אָבער ניט געהאַט דעם מוט אַרויסצוגיין פונ׳ם „בונד“, אויפצו־הויבן אין אים אַ שאַרפן קאַמף, כדי איבערצוגעווינען די אידישע אַרבעטער־מאַסן אויף זייער זייט.

ווען דער אַכטער צוזאַמענפאַר פונ׳ם „בונד“, וואָס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין פּעטראָגראַד, אין דעצעמבער 1917, אין צוויי חדשים אַרום נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט זיך אײַנגאַנצן געשטעלט אויף דער זייט פון די מענשעוויקעס, האָבן זיך די בונדישע באָלשעוויקעס אונטערגעוואָרפן צו אַלע באַשלוסן צו באַקעמפן אויפ׳ן שאַרפסטן אופן די סאָוועט־מאַכט, צו סאַבאָטירן און דיסקרעדיטירן זי אין די אויגן פון די אידישע אַרבעטער. דער בונדישער פּאַטריאָטיזם האָט אויך אַזאַ אופן ווידער טריאומ־פירט. פייער און וואַסער זענען געבליבן פאַראייניקט, — אַלע אין נאָמען פון דעם „בונד׳ס“ גאַנצקייט. אויסער דער דאָזיקער גאַנצקייט, וואָס איז געקומען אין אַזאַ שאַרפן צוזאַמענשטויס מיט די בלוטיקסטע אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, האָט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַליסט אַבראַמאָוויטש און דעם באָלשעוויק כייפעץ קיין זאַך ניט עקזיסטירט: וואָס מיר זענען — זענען מיר, בונ־דיסטן זענען מיר. דער קליינבירגערלאַכער פּחד פאַר דער לאַ־גישער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע האָט דאָ אוועקגעשטעלט דעם „בונד“ אין דעם טעמפּסטן ווינקל, פאַרוואַנדלט אין אַ רעאַק־ציאָנערער קראַפט, וואָס גייט קעגן לעבן...

4

# דער אומפאַרמיידלאַכער סוף

די ערשטע אויסניכטערונג אינ׳ם „בונד“ האָט זיך אָנגעהויבן אויף אוקראַינע.

צוליב דעם, וואָס פּוילן און ליטע זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון רוסלאַנד, האָט דער „בונד“ פאַרלוירן זיינע הויפּט־פעסטונגען. דער גרעסטער טייל אידישע ארבעטער, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין רוסלאַנד, האָט זיך קאָנצענטרירט אין אוקראַינע, איז טאַקע אוקראַינע געוואָרן די נייע פעסטונג פונ׳ם „בונד“. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך אויך אוקראַינע אָפּגעריסן פון רוסלאַנד. זי האָט זיך דערקלערט פאַר אַ זעלבסטשטענדיקע רעפּובליק. ס׳האָט אין איר פולשטענדיק געזיגט די דעמאָקראַטיע מיט דער בונדישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע, נאָר מיט פאַר־ברייטערטע פונקציעס, וואָס מען האָט משנה־שם געווען אויף „נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע“.

די אידן, אזוי ווי יעדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט, האָבן באַ־קומען אַן אייגענעם מיניסטעריום פאַר זייערע נאַציאָנאַלע ענינים און ביי אים אַ נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס האָט זיך צונויפגעשטעלט פון אַ פאַרשטייערשאַפט לויט פאַרטייען. שפּעטער האָט דער דאָזיקער נאַציאָנאַל־ראַט געדאַרפט רעפאָרמירט ווערן אויפ׳ן גרונט פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט אין אַ נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון אַלע קלאַסן אידן. אין גאַנץ אוקראַינע זענען פאַרגעקומען וואַלן אין די אידישע קהלות, וואָס אויף זייער באַזע האָט באַדאַרפט אויסוואַקסן די נאַציאָנאַלע אידישע פאַרזאַמלונג. די פונקציעס פון אידישן מיניסטעריום און פון נאַציאָנאַל־ראַט זענען געווען צו פאַרטיידיקן די באַזונדערע אינטערעסן פון די אידן פאַר דער אַלגעמיינער מלוכה־מאַכט. די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט איז אזוי אַרום געזעצלאַך סאַנקציאָנירט געוואָרן, און יעדע פעלקער־שאַפט האָט באַקומען איר נאַציאָנאַלע פאַרשטייערשאַפט, — אַ ה אַ ר מ אָ נ י ש ע סיסטעם פון אינערלאַך־נאַציאָנאַלער

איינִיקייט. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז ס׳וועט דורכגעפירט די אויסקריסטאַליזירונג פון קלאַסנקאַמף, ווייל די נאַציאָנאַלע פראַגע איז אַרויסגענומען אינגאַנצן פון דער אַלגעמיינער מלוכה־פאַרוואַלטונג. ס׳האָט זיך אָבער גאָר גיך אַרויסגעוויזן, אַז די אידישע אַרבעטער קענען פון דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע גאָר ניט געווינען, נאָר, פאַרקערט, אַ סך פאַרלירן, ווייל זי באַשאַפט די אילוזיע פון אחדות־ישראל, פון אינטערעסן־געמיינזאַמקייט מיט אַנדערע קלאַסן, וואָס פאַרטונקלט דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין און גיט איבער די הענגעמאָניע איבער׳ן אידישן לעבן דער בורזשואַזיע.

צוליב דער אָפּגעריסנקייט פון צענטראַל רוסלאַנד איז דער „בונד״ אויף אוקראַינע געווען געצוואונגען צו פירן אַ זעלבסט־שטענדיק לעבן; ער איז פאַקטיש געווען אַ „בונד״ פאַר זיך אליין, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט די איבעריקע טיילן פונ׳ם „בונד״. דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער גאַנצער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פונ׳ם „בונד״ אויך אין די איבעריקע טיילן פון רוסלאַנד. אוקראַינע איז געוואָרן די טאָן־געבערין אין דער רוסלענדישער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער עלעמענט, פון וועמען ס׳איז באַשטאַנען דער אוקראַי־נישער „בונד״, איז געווען מער אַ יונגער; ער האָט ניט דורכגעמאַכט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פונ׳ם „בונד״, דעריבער איז ער ניט געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן בונדישן פּאַטריאָטיזם און אים איז געווען לייכט צו באַפרייען זיך פון די אַלטע טראַדיציעס. אַזוי ווי דער אָפּקלאַנג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אויף אוקראַינע געווען זייער שטאַרק און טיף, האָבן אים אויך די אידישע אַרבעטער פאַרנומען. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז צווישן די אידישע אַרבעטער, ווי צווישן אַלע אַרבעטער פון אוקראַינע, גיך געוואַקסן. דערצו האָט טאַקע פיל מיטגעהאָלפן די „דעמאָקראַטישע״ הערשאַפט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף הינערשע פיסלאַך. גאָר אין אַ קורצער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן דער פולער באַנקראָט פון דער דאָזיקער הערשאַפט, איר אומ־פייאיקייט צו ברייינגען כאָטש די קלענסטע אָרדנונג, צו פאַר־בעסערן ווי ס׳איז די לאַגע פון די אויסגעהונגערטע מאַסן. אָט־די הערשאַפט איז געווען מיט איין זאַך פאַרנומען, — מיט אויס־ראָטן דעם באָלשעוויזם פון אוקראַינע, כדי צו פאַרפעסטיקן די

מאַכט פון דער אייגענער בורזשואַזיע. אין דעם אויסראַטונג־קאַמף קעגן דעם באָלשעוויזם האָט די אוקראַאינישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך געפּוצט אין סאָציאַליסטישע פּעדערן, גענומען אַרויסצייגן איר רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער.

אין אַ פּאָר חדשים נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז די באָלשעוויקעס געלונגען צו פאַרכאַפּן אויף אַ קורצער צייט די מאַכט אויף אוקראַינע; ווען פּעטליורע האָט די באָלשעוויקעס פאַרטריבן מיט דער הילף פון די דייטשע באַנגעטן, האָט ער קיין שפּור ניט איבערגעלאָזן פון די אַזוי־גערופענע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, וואָס ער האָט אַליין געהאָלפן איינפירן. פאַר אַלע ביז־אַהעריקע מפּלות פון דער כלומרשטער זעלבסטשטענדיקער אוקראַאינישער רעפּובליק האָט מען באַשולדיקט די אידן, אַז זיי האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די באָלשעוויקעס, כדי צו דערשטיקן אַלע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון אוקראַאינישן פאָלק. די ערשטע קרבנות פון פּעטליורע'ס נייעם „דעמאָקראַטישן" רעזשים זיינען טאַקע געווען אייניקע בונדיסטן, וואָס די היידעמאַקעס האָבן דער־הרג'עט, ווי באָלשעוויקעס. דער פירער פון אוקראַאינישן „בונד", משה ראַפעס, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פאַרברענטער קעגנער פון די באָלשעוויקעס, האָט זיך געמוזט באַהאַלטן, ווייל די זעל־ביקע היידעמאַקעס האָבן זיך געוואָלט מיט אים אָפּרעכענען, ווי מיט אַ באָלשעוויק. די מאַכט האָט קעגן די אַלע פאַרברעכנס ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען; זי האָט געפירט בשתיקה, אַז מ'זאָל זי ניט קענען כאַפּן ביי דער האַנט, אַז אַנטיסעמיטישע העצע, ספּעציעל קעגן „בונד".

די אידישע נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע, מיט איר אידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַל־ראַט, האָט נאָך אַלץ פאָרמעל עקזסטירט. דאָס איז אָבער פון איין זייט געווען אַן אויטאָנאָמיע בלויז אויף פּאַפּיר. פון דער צווייטער זייט איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז די אַרבעטער קענען ניט האָבן קיין געמיינזאַמע זעלבסטפאַרוואַלטונג אויך אין קולטורעלע ענינים מיט אַנדערע קלאַסן. די שטענדיקע רייסערייען, די פאַרביטערטע קאָנפליקטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די אָרגאַנען פון דער אַזוי־גערופענער אידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, מיט די ציוניסטן, כלי־קודש און בירגערלאַכע פּאַרטייען, האָבן אַלץ מער און מער באַשטעטיקט דעם מאַרקסיסטישן אמת, אַז אויך אויף דעם קולטורעלן געביט

מוז אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג דער קלאַסנקאַמף אָננעמען די שאַרפסטע פאָרמען.

פאַר די אידישע אַרבעטער איז אָט־די דערפאַרונג געווען אַ גוטע לעקציע. נאָך מער האָבן די אידישע אַרבעטער געלערנט, ווען די דייטשן האָבן משלח געווען פּעטליורע׳ן מיט זיין פאַר־לאַמענט, די „צענטראַלע ראַדע", און געזאַלבט פאַר׳ן העטמאַן פון אוקראַינע דעם צאַרישן גענעראַל פּאַוולאָ סקאָראָפּאַדסקי. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער סאַמע עכטער טייוול־טאַנץ פון דער רעאַקציע, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע דעמאָקראַטישע חלומות. ווי אַ האָגל האָבן זיך גענומען שיטן פאַרפאָלגונגען אויף די אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס. די טורמעס זיינען געווען פול מיט „פּאָליטישע פאַרברעכער". יעדער אַרבעטער־סטרייק איז דערשטיקט געוואָרען אויפ׳ן אַכזריות׳דיקסטן אופן. אונטער דעם דרוק פון אָט־דער רעאַקציע איז די באָלשעוויסטישע שטימונג צווישן די אַרבעטער־מאַסן אויף אוקראַינע געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; זי איז אויך געוואָרן די הערשנדיקע אינ׳ם „בונד".

די העטמאַנישע רעגירונג האָט ניט גלייך אָפּגעשאַפט דעם געזעץ וועגן דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער אידישער נאַציאָנאַל־ראַט האָט נאָך עקזיסטירט עטלאַכע חדשים; ס׳זיינען אין אים אָנגעגאַנגען אַן אומאויפהערלאַכער קאַמף און אַ דינגעניש, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל ביי דער הערשאַפט פון דער רעאַקציע ניט אָפּצוגעבן די אָד־און־וויי־פּאָזיציעס צו די ציוניסטן. די זיצונגען פון דעם דאָזיקן קליינינקן „אידישן פאַר־לאַמענט" האָבן דערמאָנט די סאַמע העסלאַכע סצענעס אין עסט־רייכישן רייכסטאַג, וואו די נאַציאָנאַלע סכסוכים האָבן געטראָגן אַזאַ שאַרפן כאַראַקטער. די דאָזיקע סצענעס האָבן אַמבעסטן באַ־וויזן, ווי וויט עס קען דערגרייכט ווערן „נאַציאָנאַלע איינִיקייט" אין אַ בורזשואַזער אָרדענונג.

אויך נאָך דער ליקווידירונג פון דעם געזעץ וועגן דער נאַ־ציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז די העטמאַנישע רעגירונג, צוליב איר שטרעבונג צו לעבן בשלום מיט דער קלעריקאַל־ציוניסטישער רעאַקציע, געווען גענייגט צו דערלויבן צוזאַמענ־רופן אַן אַל־אוקראַינישן צוזאַמענפאָר פון די אידישע קהלות. ווען דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען, האָט ער נאָך מער באַשיינפּערלאַך באַוויזן, ווי אַזוי די אידישע אויטאָנאָמיע, וואָס

איז געבויט אויפ'ן „דעמאָקראַטישן" יסוד פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַלרעכט, גאַראַנטירט גלענצנדיק די הער־שאַפט דער בורזשואַזער קלעריקאַל־ציוניסטישער רעאַקציע. געטראָגן האָט דער „דעמאָקראַטישער" צוזאַמענפאָר זייער אַ קלינגענדיקן נאָמען: „אידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג", און ער האָט דע־מאָנסטרירט די פולע נישטיקייט פון דער בונדישער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. דער „בונד" האָט שוין אויפ'ן צוזאַמענפאָר פאַר־נומען דעם אָרט פון דער עקסט־לינקער אָפּאָזיציע, ניט מאַכנדיק זיך קיין שום אילוזיעס, אַז די „אידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג" קען דינען פאַר אַ מיטל, ווי צו לייזן די אידישע פראַגע און אויסקריסטאַליזירן דעם קלאַסנקאַמף. אפילו אַ בלינדער האָט שוין געמוזט איינזען, אַז ביי דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע איז די גאַנצע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אַן איינפאַכער פּאַרס און אַ געווער קעגן די אַרבעטער.

פּעטליורע האָט זיך באַנוצט מיט דער וואַקסנדיקער באָל־שעוויסטישער שטימונג פון די אוקראַאינישע מאַסן און אויפגע־הויבן אַן אויפשטאַנד קעגן העטמאַן. דעם זיג פון דעם אויפשטאַנד האָט אויך פיל מיטגעהאָלפן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, ווייל דער העטמאַן האָט זיך שוין מער ניט געקענט שטיצן אויף די דייטשע יונקערם. די „דעמאָקראַטיע" האָט ווידער „טרי־אומפירט" אין אוקראַאינע.

ס'איז שוין אָבער געווען אַביסל צו שפּעט. פון איין זייט האָט די דייטשע רעוואָלוציע געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין די מוחות פון פיל סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען קעגנער פון באָלשעוויזם. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן. די באַציאונג צו די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן פאָראויסגעזען די אומפאַרמיידלאַכקייט פון דער דייטשער רע־וואָלוציע, האָט זיך אינגאַנצן געביטן. מ'האָט גענומען אנערקענען, אַז מען איז אַריינגעטראָטן אין דער עפּאָכע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פון דער צווייטער זייט האָט די אוקראַאינישע דעמאָ־קראַטיע, וואָס האָט דערפילט, אַז אירע טעג זיינען געציילט, ווייל דער באָלשעוויזם האָט אויך פאַרכאַפּט אוקראַאינע, גענומען זיך באַנוצן מיט פּאָגראָמען אויף אידן, כדי איינצוהאַלטן איר מאַכט. דורך די טייכן אידיש בלוט, וואָס האָט פאַרפלייצט אַלע ווינקעלאַך פון אוקראַאינע, האָט די דאָזיקע דעמאָקראַטיע געזוכט



אָדעסער פּאָגראָם פון יאָר 1905. דער'הרג'עטע מיטגלידער
פון בונדישער זעלבסטשוץ.



נאָטקין — בונדיסט, מיטגליד פון אָדעסער זעלבסט־
שוץ. דער'הרג'עט אין אָדעס. די קאָזאַקן האָבן אים
נאָכ'ן טויט אָפּגעהאַקט די הענט.



אברהם קיסין — מיטגליד פון ווילנער אָר־
גאַניזאַציע פונ'ם „בונד". דער'הרג'עט אין
אָקטאָבער 1905.

אויסצוראָטן די באָלשעוויסטישע סימפּאַטיעס ביים אויסגע־מאַטערטן אומוויסנדיקן אוקראַינישן פאָלק.

אָט־דאָס אַלץ האָט געמוזט פירן צו אַ פולער אויסניכטערונג פון אַלע פריערדיקע דעמאָקראַטישע אילוזיעס אין די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען אין אוקראַינע, און פריער פון אַלץ אינ׳ם „בונד“, וואָס איז דאָרטן געווען די שטאַרקסטע און איינפלוס־רייכסטע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דער קאַמף פון ריכ־טונגען אינ׳ם „בונד“ איז געוואָרן אַלץ שאַרפער און בולט׳ער. אַזוי ווי די אינטערנאַציאָנאַליסטן האָבן זיך אויך דערשראָקן פאַר דעם מאַרש פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אָפּגעזאָגט זיך פון זייערע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, האָבן זיך אינ׳ם „בונד“ אויסגעטיילט צוויי גאַנץ דייטלאַכע פראַקציעס, אַ מענשעוויסטישע און אַ באָלשעוויסטישע. די לעצטע, באָלשעוויסטישע פראַקציע, איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און אָנגרייפנדיקער, ווייל מיט איר איז געווען די גאַנצע מאַסע. צוליב דעם האָט געמוזט קומען דאָס אומפּאַרמיידלאַכע — די שפּאַלטונג פונ׳ם „בונד“, וואָס האָט פאַקטיש געפירט צום פולן אונטערגאַנג פונ׳ם „בונד“.

דער זעלביקער פּראָצעס, וואָס אינ׳ם „בונד“, איז אויך פאָר־געקומען אין די איבעריקע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די שטאַרקסטע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נאָכ׳ן „בונד“ איז געווען די „פאַראייניקטע אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי“, וואָס איז באַשטאַנען פון אַמאָליקע עסעסאָווצעס און סיימאָווצעס. פאַר דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך די „פאַראייניקטע“ ביסלאַכווייז אויסגעניכטערט פון זייער טערי־טאָריאַליזם און האָבן זיך אין זייער טאַקטיק וויניק אונטער־שיידט פונ׳ם „בונד“.ביידע פּאַרטייען האָבן געאַרבעט געמיינ־שאַפטלאַך. ווען די סאָוועט־מאַכט איז צום צווייטן מאָל גע־קומען אויף אוקראַינע, האָט זי שוין געטראָפן צוויי „בונדן“, אַ קאָמוניסטישן און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן, און צוויי אָרגאַני־זאַציעס פון די „פאַראייניקטע“, — אַ קאָמוניסטישע און אַ סאָציאַליסטישע. די געמיינשאַפטלאַכע אַרבעט פון די אידישע קאָמוניסטישע עלעמענטן מיט דער סאָוועט־מאַכט האָט געבראַכט צו דער צונויפגיסונג פונ׳ם קאָמוניסטישן „בונד“ און פון די קאָמוניסטישע „פאַראייניקטע“ אין איין אָרגאַניזאַציע. אויף אַזאַ אופן איז באַשאַפן געוואָרן דער „אידישער קאָמוניסטישער פאַר־

באנד פון אוקראינע", וואס איז געווען די ערשטע גרויסע אידישע קאמוניסטישע מאסנארגאניזאציע. דער קאמוניסטישער „בונד" איז איינגאנצן אריבער אין נייעם פארבאנד; פון די קאמוניסטישע „פאראייניקטע" איז אריבער בלויז א טייל; דער איבעריקער טייל האט ניט געוואלט אויפגעבן די ארגאניזאציאנעלע זעלבסט־שטענדיקייט.

מיט דער באשאפונג פונ'ם „אידישן קאמוניסטישן פאר־באנד" האבן זיך געשאפן גאנץ נייע כוחות־פארהעלטנישן אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג. מיט'ן רעכטן „בונד" און מיט די רעכטע „פאראייניקטע" זיינען געבליבן קליינע גרופקעס אינטעליגענץ. די מאסע איז אוועק מיט די קאמוניסטן. אזוי איז פון אוקראינע פאקטיש איינגאנצן פארשוואונדן דער „בונד". דאס, וואס די רעכטע בונדיסטן און רעכטע „פאראייניקטע" האבן זיך צווישן זיך פאראייניקט, און א טייל קאמוניסטישע „פאר־אייניקטע" איז געבליבן עקזיסטירן זעלבסטשטענדיק, האט די לאגע ניט געביטן, ווייל די ווירקונג פון אט־די אלע גרופקעס איז געווען אומבאדייטנדיק. קיינער האט זיך מיט זיי ניט גע־רעכנט. צו די קאמוניסטן זיינען אויך צוגעשטאנען די לינקע רעוואלוציאנערע עלעמענטן פון די „פועלי־ציון". אין א קורצער צייט ארום האט זיך דער „אידישער קאמוניסטישער פארבאנד" אריינגעגאסן אין דער אלגעמיינער קאמוניסטישער פארטיי דורך אירע אידישע סעקציעס, וואס האבן שוין פון פריער עקזיסטירט אין צענטראל־רוסלאנד. דורך דעם האט זיך אנגעהויבן א נייע לעבן אין די אידישע קאמוניסטישע סעקציעס גופא: ס'איז געווארן ברייטער, אינטענסיווער און אלזייטיקער זייער טעטיקייט.

א סך לאנגזאמער און שווערער איז פארגעקומען די אויס־קריסטאליזירונג פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג אין די איבעריקע טיילן פון רוסלאנד. אין צענטראל־רוסלאנד האט פאקטיש קיין „בונד" ניט עקזיסטירט, ווייל פאר דער גאנצער צייט פון דער סאוועט־מאכט זיינען די מער אקטיווע לעבעדיקע כוחות פונ'ם „בונד" איינציקווייז אדער גרופנווייז אריבער אין דער קאמוניסטישער פארטיי. געבליבן עקזיסטירן, ווי אזעלכער, איז דער „בונד" אין ווייס־רוסלאנד, וואס האט זיך ניט געפונען די גאנצע צייט אונטער דער סאוועט־מאכט, נאר טיילווייז אונ־טער דער הערשאפט פון די דייטשן אדער אונטער דער הערשאפט

פון די פּאַליאַקן.

דער ווייס־רוסלענדישער „בונד" איז הויפּטזאַכלאַך באַשטאַנען ניט פון אַ יונגן פרישן עלעמענט, ווי דער אוקראַינישער, נאָר פון אַרבעטער, וואָס האָבן שוין צום „בונד" באַלאַנגט פון די פריערדיקע יאָרן. צווישן זיי זיינען געווען פיל אַלטע טוער, וואָס האָבן נאָך אַלץ געלעבט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט דער אַמאָליקער בונדישער גלאָריע, איז זיי שווער געווען צו באַפרייען זיך פון די אַלטע טראַדיציעס. דערפאַר האָבן אַפילו די מער ווייטזעענדיקע פון די טוער נאָך לאַנג געבלאַנדזשעט איידער זיי האָבן איינגעזען דעם פולן באַנקראָט פון מענשעוויזם, פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער לערע מיט איר דעמאָקראַטיע. ווען די אַנטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זייערע אויגן ענדלאַך געעפנט, האָבן זיך אָבער יענע טוער ניט געקענט שיידן מיט דעם בונדישן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ; זיי האָבן געוואָלט, אַז דער „בונד" זאָל בלייבן עקזיסטירן, ווי אַ „בונד", אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויף פעדעראַטיווע יסודות, ווי ער האָט עס אַמאָל געפאָדערט אין דער רוסלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

אין יאָר 1920 איז פאָרגעקומען אויך די שפּאַלטונג אין „בונד" פון ווייס־רוסלאַנד. עס ווערט אויך דאָ פריער געגרינדעט אַ קאָמוניסטישער „בונד", וואָס נעמט מיט זיך אַוועק די גאַנצע מאַסע. דער רעכטער „בונד" פאַרבלייבט מיט אייניקע גענעראַלן אָן אַן אַרמיי. צום קאָמוניסטישן „בונד" שטייען אויך צו די אַזוי־גערופענע קאָמוניסטישע „פאַראייניקטע". די רעכטע „פאַראייניקטע" ווידער שטייען צו צום רעכטן „בונד"; אַזוי ווערן קלאָרער די ליניעס אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויך פון די איבעריקע טיילן אין רוסלאַנד. דער ווייס־רוסלענדישער קאָמוניסטישער „בונד" מאַכט איינגיכן דעם לעצטן נויטיקן שריט: ער זעט שוין איין, אַז די פאָדערונג צו בויען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי אויף פעדעראַטיווע יסודות, לויט דער פאַרטרעטערשאַפט פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּראָלעטאַריאַטן, איז אַ שעדלאַכע, ווייל ס'מוז פירן צו סעפּאַראַטיזם, צו נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס פון גאַנצן לאַנד.

אַנערקענענדיק, אַז די שטאַלענע איינקייט פון דער פּאַרטיי

איז דאָס וויכטיקסטע פאַר'ן ערפאָלג פון דער רעוואָלוציע, גיסט זיך דער קאָמוניסטישער „בונד" אריין אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן דער „אידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד פון אוקראַינע". די אידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג קריסטאַליזירט זיך דורך דעם אינגאַנצן אויס; זי פאַראייניקט שוין אין זיך דעם גאַנצן אידישן פּראָלעטאַריאַט, פון אַלע טיילן פון רוסלאַנד, מיט דער מערהייט פון זיינע אַלטע אָנגעזעענסטע פירער און טוער. די גרופּקעס פון „בונד", וואָס פאַרבלייבן נאָך, פאַרטרעטן קיינעם ניט; זיי באַשטייען פון אַ הייפעלע אויסגעשפּילטע אַלטע פירער, וואָס קאָנען זיך אין זייער איינענער זאַפט אין עמיגראַציע און דינען דירעקט און אומדירעקט די שונאים פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג בכלל.

אַזוי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן דער רוסלענדישער „בונד". זיין רעוואָלוציאָנערע ירושה פון אַמאָל איז איבערגעגאַנגען צו דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז דער גענעראַל-שטאַב פון דער וועלט-רעוואָלוציע. דאָס זעלביקע האָט אויך פּאַסירט מיט'ן „בונד" פון אַנדערע לענדער, וואו די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט נאָך ניט געזיגט. מיט'ן וואוקס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג בלייבט ניט מער קיין פּלאַץ פאַר אַ באַזונדערער אידישער אַרבעטער-פּאַרטיי. אַזאַ נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט פון די אידישע אַרבעטער איז אין פּוילן ווידערשפּרוך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אמת'ער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס לייגט ניט אירע האָפענונגען אויף דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, נאָר בלויז אַלץ אויף דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. בלויז דורך דער אָרגאַנישער צונויפגיסונג מיט דער קאָמוניסטישער לאַנד-פּאַרטיי קריגן די אידישע אַרבעטער די פולסטע פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג. אַ ביישפּיל דערפון קען מען זען ניט בלויז אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו די אַרבעטער זיינען ביי דער מאַכט, נאָר אפילו אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען די קאָמוניסטישע פּאַרטייען די איינציקע מוטיקע און אַנטשלאָסענע קעמפער פאַר דער פרייסטער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט.

## 6.

# קלײנבירגערלאַכקײט און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערישקײט

וואָס איז געוואָרן פונ׳ם „בונד“, ווען ער איז נאָך געבליבן עקזיסטירן ווי א מאסנאָרגאניזאציע, קען מען זען אמבעסטן אין פוילן. נאָך די שפאלטונגען, וואָס דער פוילישער „בונד“ האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע יאָרן, איז פון אים, דעם „בונד“, אויסגעוועבט געוואָרן יעדער רעוואָלוציאָנערער גײסט. זײנע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן זיך ארײנגעגאָסן אין דער פוילישער קאָמוניסטישער פארטײ, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א גרויסע נזאכט און איבט אויס א געוואַלדיקע ווירקונג אויף די פוילישע ארבעטער־מאסן, הגם זי עקזיסטירט אומלעגאַל און ווערט פארפאָלגט אויפ׳ן שרעקלאכסטן אופן. דער איצטיקער פוילישער „בונד“ איז לויט זײן גאנצן כאראקטער דורך און דורך א קלײנבירגערלאכע נאציאָנאַליסטישע אָרגאניזאציע, וואָס האַלט נאָך אָן די אַמאָליקע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פראזע, נאָר איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער אין זײן גאנצער טעטיקײט.

אין זײן אַלגעמײנער פראַקטיק שײדט זיך דער פוילישער „בונד“ מיט קײן זאך ניט אונטער פון דער אָפּאָרטוניסטיש־שאָוויניסטיש־אַנטיסעמיטישער פוילישער סאָציאַליסטישער פארטײ (פּ. פּ. ס.). פונקט ווי די פּ. פּ. ס. פירט אָן דער „בונד“ א פארניכטונגס־קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער אין די יוניאָנס און אין אַלע אַנדערע ארבעטער־אָרגאניזאציעס; ער צײכנט זיך אויס מיט א היפּאָקריטישער שטעלונג צום סאָוועטנפארבאנד; ער ווענדט פאַקטיש אָן די זעלבע העצע, ווי אַלע געלע סאָציאַליסטישע פארטײען, קעגן דער אײנציקער אַרבעטער־רעפּובליק אין דער וועלט.

אין זײן אידישער פּאָליטיק איז דער פוילישער „בונד“ אויך אײנג נאציאָנאַליסטיש; ער האַלט זיך נאָך בײ דער „אײנצקער פאָרשטײערײ“ אַפילו אין עקאָנאָמישן קאַמף: ער אָרגאניזירט

אייגענע אידישע יוניאָנס און פרײדיקט, אז אין דער יוניאָן־באַוועגונג זאָלן עקזיסטירן באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָפּטײלונגען. עס קען ניט זײַן קיין מער אַנטי־מאַרקסיסטישע, אַנטי־סאָציאַליסטישע שטעלונג צום געבוי פון יוניאָנס, וואָס דאַרפן דינען פאַר אַ ציל ווי אַזוי אַמבעסטן אויסצושמידן די אײניקײט פון אַלע אַרבעטער, אָן אונטערשייד פון נאַציע און גלויבן. דורך די נאַציאָנאַלע אָפּטײלונגען אין דער יוניאָן־באַוועגונג ווערט אַרײַנגעטראָגן צעשפּליטערונג אין די אַרבעטער־רייען; דער פּוילישער „בונד" האַלט זיך פעסט ביי דער דאָזיקער אַנטי־מאַרקסיסטישער, אַנטי־סאָציאַליסטישער שטעלונג, ווייל דורך דעם איז אים לייכטער צו באַקעמפן די „פאַרהאַסטע" קאָמוניסטן, וואָס זײַנען טעטיק צווישן די אַרבעטער פון אַלע נאַציעס. דער פּוילישער „בונד" שטייט נאָך אַלץ אויפ׳ן שטאַנדפונקט, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער ביטערער דערפאַרונג פון נאָך די מלחמה־יאָרן, אַז די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז די אײנציקע ריכטיקע מאַרקסיסטישע לייזונג פון דער „אידישער פראַגע" אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט.

אַט אַזוי איז דער „בונד" אין פּוילן דער גרעסטער טאָרמאַז פאַר דעם קלאַסנקאַמף פון די אידישע אַרבעטער. ס׳איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס ער ווערט אַזוי געדולדט פון דער פינצטערער פּוילישער רעגירונג, אַזוי געשיצט און געשטיצט פון דער פּ. פּ. ס. קעגן די „רויטע". דער „בונד" דינט דאָ טריי דער רעאַקציע, באַנוצנדיק זיך אפילו מיט פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען קעגן דעם לינקן פליגל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דעם „בונד"ס שענדלאַכע קאָרופּטירטע חלוקה־מעשים בנוגע די אַמעריקאַנישע הילף־געלטער זײַנען שוין געוואָרן אַ שם דבר. דער „בונד" האָט זיך געמאַכט אַ מאָנאָפּאָל אויף די אַמעריקאַנישע הילף־געלטער. ער באַזאָרגט מיט זיי אייגענע מענטשן און נוצט אויס די נויט פון די, וואָס קוקן אויס אויף דער אַמעריקאַנישער געלט־הילף, פאַר זײַן טעראָר קעגן די קאָמוניסטן. דער „בונד" איז אין זײַן געפאַלנקייט אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער וואַרפט אַרויס לינק־געשטימטע לערער פון די אידישע אַרבעטער־קינדער־שולן, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אין זײַנע הענט.

אַט די אַלע פאַקטן באַווייזן, אַז אין פּוילן עקזיסטירט

ניט דער אַמאָליקער רעװאָלוציאָנערער „בונד", נאָר א קלײנבירגערלאַכע, מאָראַליש־געזונקענע אידישע פּאַרטײ, װאָס האָט זיך צוגעאײגנט דעם נאָמען, כדי צו נאַרן די אידישע אַר־בעטער. דערװײל געלינגט די נאַרערײ, נאָר די אױסניכטערונג קומט פאָר אױך צװישן די אידישע אַרבעטער אין פּױלן; זי קומט פאָר גאַנץ שנעל און ראַשיק, אַזױ אַז װאָס װײטער פּאַרלירט דער נאָמען „בונד" אױך דאָרטן די צוציאונג־קראַפט.

װאָס אנבאַלאַנגט די ראַנד־לענדער פון געװעזענעם רוסלאַנד, איז גאָר ניטאָ װאָס צו רײדן װעגן אַ „בונד"; ער עקזיסטירט דאָרטן בלױז אױפ'ן פּאַפּיר, װײל די אידישע אַרבעטער זײנען אַװעק אין די קאָמוניסטישע פּאַרטײען. אַזױ איז אין ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד. אַזױ איז אױך אין אַמעריקע, קאַנאַדע און אַרגענטינע.

װאָס פון דעם בונדיזם איז געװאָרן אין אַמעריקע, זעט מען טאָג אײן, טאָג אױס. ער האָט זיך פּאַרקערפּערט אין „פאָר־װערטס" און זײן סאָציאַליסטישן פּאַרבאַנד, װאָס זײנען פאַר זײערע פינצטערע מעשים אינגאַנצן מאָראַליש אױסגעשפּילט און פאַרהאַסט צװישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן. בײדע, סײ דער „פאָרװערטס", סײ זײן סאָציאַליסטישער פּאַרבאַנד, זײנען בלױז אַגענטורן פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע, במילא אמת'ע לאַקײען פון דעם הערשנדיקן קלאַס. אַרום זײער פעטער קאָרעטע װאַרעמען זיך אַלע אױסגעשפּיגענע שירײם פונ'ם „בונד". די מערסטע אַלטע טוער און מיטגלידער פונ'ם „בונד" אין אמע־ריקע האָבן זיך צונױפגעגאָסן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ און מיט דער קאָמוניסטישער באַװעגונג.

אין זײן עצם, נאָר אונטער אַנדערע פאָרמען, איז דער בונ־דיזם דער זעלבער, װי ער האָט זיך אױסגעשטאַלט אין אַמעריקע, אױך אין אַלע איבעריקע לענדער. סײ אין ליטע, סײ אין לעט־לאַנד, סײ אין עסטלאַנד, סײ אין קאַנאַדע, סײ אין אַרגענטינע, זײנען די בונדישע רעשטלאַך, אױף װיפיל זײ זשיפּען נאָך דאָרטן, אַזױ הויל־נאַקעט אין זײער פאַררעטערישקײט, אַז זײ האָבן שױן אַפילו פאַרלאָרן זײער רעװאָלוציאָנערע פראַזע.

אָט דאָס איז דער סך הכל פון „בונד", זײער אַ טרױעריקער סך הכל. דער אָנדײנק פונ'ם „בונד" װעט דעריבער בלײבן לעבן

אין דער געשיכטע בלויז פֿאַר דער צייט, ווען ער איז געווען אַ ריינע ערלאַכע רעוואָלוציאָנערע קלאַסנאָרגאַניזאַציע. דעמאָלט, אין די ערשטע צען יאָר פון זיין עקזיסטענץ, האָט דער „בונד“ נעדינט פֿאַר אַ שול, ווי זיך צו פֿאַרבינדן מיט די מאַסן, ווי צו וועקן און רופן די מאַסן אַרויסצוטרעטן אין קאַמף מיט געווער אין די הענט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דער „בונד“ פון די לעצטע יאָרן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין רעוואָלוציאָנערער פֿאַרגאַנגענהייט און האָט פֿאַרראַטן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, דעם קלאַסנקאַמף, וועט אָבער דערמאָנט ווערן, ווי אַ שאַנדפלעק פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

# דער „האַמער“

## דער איינציקער אידישער
## קאָמוניסטישער חודש-זשורנאַל אין אַמעריקע

דער „האַמער“ איז אַ קוואַל פון וויסן און פרייד.

דער „האַמער“ דרוקט לידער און דערציילונגען פון די גרעס-טע אידישע שרייבער פון אַמעריקע און סאָוועטנפאַרבאַנד.

די אַרטיקלען אין „האַמער“ זיינען לייכט, טיף און גרינטלאַך.

דער „האַמער“ רופט זיך אָפּ אַף די לעבעדיקסטע פראַגן פון לעבן (פאַרטיי-פראַגן, פאָליטישע, עקאָנאָמישע, פראַגן פון וויסנשאַפט און אידישן לעבן).

דער „האַמער“ איז פיל-פאַרביק, זאַפטיק, נײַ און פריש.

יעדער אידישער אַרבעטער מוז לייענען דעם „האַמער“!

דער „האַמער“ קאָסט ניט טייער — סך הכל $2.50 אַ יאָר.

יעדער סובסקרייבער קען דערצו נאָך, פאַר אַ קלייניקייט, באַקומען אַ ווערטפולע פרעמיע — אַ סטאַטוע פון לענינ׳ס קאָפּ, — די סקולפּטור פון דער באַרימטער קינסטלערין מינא האַרקאַווי. די סקולפּטור אַליין קען מען אין ערגעץ ניט קויפן פאַר ווייניקער ווי $5.00.

דער „האַמער“ צוזאַמען מיט דער סקולפּטור קאָסטן סך הכל $4.50.

אײַלט זיך צו און סובסקרייבט זיך אַפ׳ן „האַמער“!

ורן און ביכער
פאַ די אידישע אַרבעטער, אַרויסגעגעבן פון דער אידישער סעקציע פון דער וואָרקערס (קאָמוניסטישער) פּאַרטיי.

די „רויטע ביבליאָטעק" באַהאַנדלט אַלע וויכטיקע פראַגן פונ'ם פּאָליטישן, געזעלשאַפטלאַכן און קולטורעלן לעבן אין ליכט פון מאַרקסיזם-לעניניזם. זי גיט אַ גענויע באַקאַנטשאַפט מיט אַלע פראַגן פון דער מאָדערנער אַרבעטער-באַוועגונג.

די „רויטע ביבליאָטעק" וויל זיין אַ וועג-ווייזער פאַר די אידישע אַרבעטער אפ'ן וועג פון זייער קלאַסן-קאַמף.

די „רויטע ביבליאָטעק" ווערט געשריבן לייכט און פאַר-שטענדלאַך.

עס זיינען שוין אַרויס פון דרוק:

1. צען רויטע יאָר
פון מ. אָלגין. (צום יובילײ פון דער באָלשע-וויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד). פרייז 25 סענט.
2. דער "בונד„
וואָס ער איז געווען און וואָס ס'איז פון אים געוואָרן, פון שכנא עפּשטיין.

ס'גרייטן זיך און וועלן דערשיינען רעגולמעסיק:

3. אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג
(אַ געשיכטע) פון מלך עפּשטיין.
4. דער קאַמף אין דער אידישער אַרבעטער-באַ-וועגונג
פון פּ. יודיטש.
5. די א. פ. אָוו ל. און די קאָמוניסטן
פון בנימין ליפשיץ.
6. רעוואָלט-מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער-באַוועגונג
פון י. סולטאַן.
7. קונסט און קלאַסנקאַמף
פון שכנא עפּשטיין.
8. פּראָלעטאַרישע קולטור
פון מ. אָלגין.
9. קאָאָפּעראַטיוון.
10. ציוניזם.
11. אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם.
12. פּאָליטישע פּאַרטייען אין אַמעריקע.
13. די וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי אין פאַר-גאַנגענהייט און צוקונפט.